STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11831

MILKHOME-TEG

M. Shifris

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מוישע שיפריס

מילכאָמע-טעג

●

אַרויסגעבער: קאָמיטעט פון דעטרויטער אָרגאַניזאַציעס;
פּאָדאָליער ברענטש 277 אינט. אַרבעטער אָרדן, נ. י.;
פאַרלאַג „סיגנאַל" באַם „פּראָלעטפען"

ניו יאָרק, 1937

Copyright 1937
by
M. SHIFRIS
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

מוישע שיפרים

געצייכנט פון יאָסל קאָטלער

די ערשטע קויל

אין האַלב טונקעלן צענטער
פון „וואַירקערס עקס סירוויסמענס ליג"
זיצט פרענק דער וועטעראַן
פון פיר־יאָריקן, בלוטיקן קריג.

ס'איז שטיל איצט אין צענטער,
נאָר ס'שרייען די צייטונגען צעוואָרפן אומעטום.
אַף זיין פּאַנעם אַ שניט — אַ ביטערער שמייכל —
אַ קלינגל — אַ שאַרפּס אין פּוסטן אַרום:

— שוין ווידער מילכאָמע!

אין פּוילן מאַנעווורירן פּילסודסקיס אַרמייען.
(עס קלינגען שוין שפּאָרן פון לעגיאָנערן־לאַקייען.)
יאַפּאַן מאָביליזירט פאָלקן באַם סאָוועטישן גרענעץ.
(דער פּיסק איז צעעפנט אין אַ בלוטיקן געגעץ.)
ס'דריטע רייך זשיפּעט שלאַנגיש מיט גיפטיקע גאַזן.
(ס'ברעכט זיך די נאַצישע בריק פון פאַרזשאַווערטן אייזן.)
מוסאָליני באַפעלט די בירגער צו לייגן זיך אין קינפּעט —
ווי אינקובאַטאָרס פּראָדוצירן שפּייז —
פאַר דער מילכאָמע־סודע גרייט.
און אַמעריקע מיטן שטערן־שטרייפן הויבעלע
איז אויך ניט קיין שיפּע זיבעלע.

— און מיך פרעגט מען גאָר ניט!

ס'האָט פרענק, דער בלעכער,
לאַנג שוין אויסגעטאָן דאָס האַרב־פּעקל
פון די יונגע פּלייצעס.
פאַרטריבן אַלע לייז פון ערטער האַריקע
נאָר פאַרגעסן האָט ער גאָר ניט.
טאָקע גאָר ניט.

מוישע שיפּריס

ס׳איז פרענק געווען אַ געהאָרכזאַמער סאָלדאַט.

די ערשטע קויל האָט אים אַ ברי געטאָן
אין האַנט.
און טאַקע דאָ אין לאַנד —
אין פאַבריק.

אַז פרענק האָט צונויפגענומען זיין געצייג,
האָט אים דער סוינע, זיין באַלעבאָס,
מיט הינטיש־פּאַטריאָטיש־פייערדיקע אייגעלעך
אַ ברי געטאָן דאָס אָנגעשטייפטע פּאָנעם.
מיט וואָרעמקייט פון אַ גליטשיק כייעלע אָן ביינער
געדריקט די האַנט —
און ווי מיט אַ קויל אַ גליאיקער —
אַ ברען געטאָן מיט גרינעם געלט־פּאַפּירל
פאַר דעם ראַכמאָנעס אַף אַ יונגען לעבן
וואָס גייט קעמפן פאַר זיין לאַנד.

פון זיין אויסגעקויפטן געלט־פּאַפּירל
האָט אַ ברען געטאָן זיין גוטסקייט — —
— דער בעסטערד —
פאַר אַ ניקל מער פאַר אַרבעט
פלעגט זיין האַנט פאַרפאַרן אין אַ בלעכערס פּאָנעם.

...ס׳האָט פרענק שוין געזען אויפלויכטן
נאָך אַ שטערן אַף דער פאָן — אַ שיינדל פאַר דער וואַנט
און דאָס יאָגעניש פון מאַשינען
צו שפּאָרן נאָך אַ האַנט...
(פאַר יעדן געפאַלענעם לעבן —
אַ רויטער שטערן אַף דער פאָן;
צו שטאָלצירן פאַר די קוינים: —
— זעט וויפל מיר שטעלן אין קאָן...)

מילכאָמע־טעג

שטיבלעך טאַנצן אַ קאַדריל

אַז פרענקס לייב האָט זיך פאַרכאַווערט
מיט דעם האַר־בייסיקן אוניפאָרם,
און זיינע פיס ד׳האָבן זיך באַפאַנצערט
מיט שווערע שיך, באַגאַגלטע
און איינגעקרעמפּט געוואָרן אין די וויקלדיקע פּוטיס
ווי דער פאַנג אין שווינדל־רייפן פון דער קאָבראַ,
איז פרענק שוין ניט געווען פרענק
נאָר אַ סאָלדאַט אין אוניפאָרם.
אַ האַרטער און אַ בייזער —
אַ פרעמדער זיך אַליין.

— מען רעדט פון העלדישקייט און בראַווקייט —
פון שיינענדיקער גלאָרי —
דערוואָרגן זאָלן זיי ווערן
מיט זייער פאַטריאָטישער טוירע —

אַז מען האָט אָנגעפּאַקט דעם פראַכט־צוג
מיט יונג־פליייש, געפּאַקט אין כאַקי
און באַן האָט לויפנדיק געסאָפּעט און געדרעוועט:
— ראַ—טע—ווע—עט!
און דאָס געשריי האָט זיך צעקייקלט
ווי אַ דונער פון שראַפּנעלן
איבער פעלדער פרייע פון קאַנאַדע —
און אַלטינקע פון אונטער סנאָפּעס טוואָוע
האָבן געפאָכעט מיט די הענט
און טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ —
און פאַרמער־שטיבלעך האָבן זיך פאַרבייגעדרייט
אין טרויעריקן קאַדריל
מיט מאַמעדיקער שפּיל
פון פאַרטעך און אויגן,
אַף אומעטיקע שוועלן —

האָט דאָס האַרץ געוויינט
מיט בלוטיק־רויטע שראַפּנעלן.

... ס׳האָט פרענק דערזען אַ טענעמענט הויז,
אין ראַדיקן טאַנץ פון זיינע יונגע יאָר.
געהערט ס׳פּלאַפּלען פון קינד, די רייד פון ווייב,
ווי ס׳וואָלט געווען אַף דער וואָר.

דער צוג איז געלאָפן —
געמישט האָט דער בליק.
אַ זומער, אַ ווינטער —
אַהין און צוריק.

אַ זומער אין הענרי סטריט —
מיט רייכעס פון צעפוילטע גרינסן.
מיט ליבעס אין פאַרדומפּטע קאָרידאָרן.
מישפּאָכעס ליגן גאַנצע נעכט
אַף דעכער, „פייער עסקייפּס״
און צעהיצטע טראָטואַרן.

די הויך־באַן לויפט פאַרביי מיט אַ געבראַזג
און צעציטערט ווענט און דיל;
אַ ווינטל פליט פאַרביי די פענצטער
און ס׳ווערט אַ ווײַלע קיל.

זיס איז דאָס גלעקל־געקלאַנג פון „אייז קרים מאַן״, —
פרענקס אייגעלעך קלעטערן זעקס שטאָקיקע ווענט.
פון אויבן, באַם הימל באַוויזט זיך אַ שמייכל,
און פון מאַמעשע הענט פליט אַרונטער אַ סענט.

... ס׳מישן די בליקן אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט —
ס׳איז פרענק ערשט אַ צוציק און באַלד שוין אַ יאַט.

מילכאָמע־טעג

אַט ערשט האָט פרענק געשפּילט אין „אינדיאַנער". —
מיט כעוורע אייז־שטיבלעך געבויט ווי עסקימאָסן,
און שוין איז ווייט פון אים די כעוורע
און שוין זיינען ווייט פון אים די גאַסן.

ס׳האָט דער טאַטע פון שווינדזוכט
אויסגעהוסט דאָס לעבן.
און די איינציקע שפּייזערן
איז די מאַמע געבליבן.

פרילינג־טעג ליבע,
זוניקע, העלע —
נאָר פרענק שטייט און אַרבעט
באַם בלעכער אין קעלער.

אַזוי ציען זיך יאָרן
אַף סענטן צעביטן —
די פינגער צעקאַרבטע,
פון בלעכן צעשניטן.

אַ יאָר נאָך אַ יאָר
קריכן ווי פּעך.
אַ יאָר נאָך אַ יאָר
און ער האַמערט אַף בלעך.

טאַ־טאַ־טאַ —
ראַט־טאַ־טאַ.
פון ריטם פון האַמער
צו ריטם פון ראַד.

פאַר די אויגן אַ בלענד
און אַלץ אַ צעמיש.
פאַרשוואונדן איז אַלץ
ווי מיט האַנט אַ פאַרוויש.

מוישע שיפּריס

...האָט פרענק געשמייכלט טרויעריק
צו די אומעטיקע מאַמעס אַף די שוועלן,
און דאָס האַרץ האָט געוויינט
מיט בלוטיק־רויטע שראַפּנעלן.

מילכאָמע־טעג

באַם האָפן אין האַליפאַקס

אין האָפן פון האַליפאַקס.
איינגעהילט אין נאַכט־געוואַלד־געריוועע
פון הייזעריקע שיפן:
— וואר־ע־ע, מיר ווילן ניט צוריק!
האָבן זיך גערוקט סאָלדאַטן רייען,
געברידערט אין צווייען.
פרעמדע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט
ווי פאַרלוירענע קינדער אַף אַ יאַר־יאַריד:
מיט שרעק — צו די פענצטער פון הילצערנער דיפאָ
באַהאַנגען מיט צעשראָקענע אויגן
פון אינגלעך־סאָלדאַטן,
מיט אומעט — צום סאָלדאַט, באַם שטיבל אָפן באַרג
מיט מיידל איינגעקלאַמערט צווישן זיינע פיס.
דער אייבערשטער טייל אירער
ד׳האָט זיך געבויגן ווי אַ ווערבע
און געצאַפּלט פון געלעכטער אין זיינע הענט
ווי אַ שפּרודלדיק שטיק זון.

ווי אַף אַ קאַנווייער
אַזוי האָבן זיך די רייען גערוקט.
איין ריי פון שיף — מיט טויט־געשרעק אין די אויגן.
פרעמדע ריי אין שיף — מיט ציטער־שרעק אין די אויגן.
אין די הערצער?
ס׳האָט אימיצער פון ריי אַ לאַך געטאָן
פון פאָרל אָפן באַרג —
צי פון שרעק —
איז איינער אַן אַכצן־יאַריקער אָפן פּאָנעם
אַ זיבעציקער אין די אויגן —
האָט פריי אַ קלאַפּ געטאָן פרעמדע אָרעם:
— גאָד עי פעג, באָדי!
און מיט טרוקענע ליפּן געזאָגט:
— איט׳ס נאָט עי... גאָדעם דזשאָוק אָן דהי אָדער סייד.

מוישע שיפּריס

אַ, ניין ברודער, ס'איז ניט געבאַרעט דאָרטן.
האָט פרענקן אַ שניט געטאָן אין בויך די קראַמפּן
ווי ס'שניידן זיך מעסער אַף מעסער.
ס'האָט פרענק נאָך דאָס ניט פאַרגעסן.

אַ שטאָט אָן מענער

ס'איז לאָנדאָן באַרימט מיט אירע גצפלדיקע מאָרגנס,
וואָס פּאָעטן פאַרגלייכן צו טונקעלע וואָלקן
אָף בלאָסע פּענעמער פון יונגע אַלמאָנעס.
נאָר פרענק זעט די לאָנדאָנער נעכט
פון ניינצן־זיבעצן
מיט מאָמעס צעשראָקענע אָף שוועלן.
זיי קוקן איבער גרויסער פאַרלאָשענער שטאָט
צום סויגעס בליציקע ראָקעטן אָפן הימל.
פרענק הערט דעם פאַרצווייפלטן געשריי:
— טייק קאָ—ווער!
טייק קאָ—וו—ע—ר!
און ציטערט אויף פון שרעקיקן געטומל.

פרענק זעט די מאָמעס מיט אויפעלעך אין הענט,
ווי אין אייזערנע רינגען פאַרקלעמט,
לויפנדיק צו אונטערערדישע טונעלן
און שעלטנדיק דעם הימל אָף די שוועלן.

די שטאָט איז אויסגעלאָשן ווי דאָס לעבן.
עס באַהאַלט זיך דאָס ליכט
פאַרן סוינע פון אויבן —
נאָר די יונגפרוי אָפן ראָג
קען זיך ניט נערן מיט שרעק
און שלעפּט פרענקן צום הילצערנעם שטעל
ער זאָל צאָלן פאַרן ליימיקן קיכל —
ווען זי פאַר היינט באַנאַכט —
ווערן זיין ווייב —
מיט איר טרוקענעם לייב —
— פאַרדאַמט זאָל עס ווערן.

אין ליכטיקייט פון טאָג זעט ער לאָנדאָן
אַ שטאָט אָן מענער —
און יונג־מיידלעך פון קאָרידאָרן

און טראַטוּאַרן
מיט זינגענדיקע, בענקענדיקע שטימען
זינגען אויס דעם לאָנדאָנער מילכאָמע־הימן:
— העי, אַמעריקאַן, קאַן יו דאַנס?

עס בענקט דאָס יונג־מיידל־שע האַרץ.
עס ציט זיך איר ד־האַנט צום אָרעם, דעם מאַנס —
אין דער שטאָט אָן מענער.

דאָ און דאָרט אַ פרוי מיט אַ מאַן.
די אויגן, די פרויאישע
מיט טריאומף און מיט רוף:
— איר זעט? אַ מאַן!

דער מאַן איז געקליידט אין אוניפאָרם בלוי
אין די אויגן — דער האָס
אין קערפּער — דער גאַז
נאָר סיי־ווי איז גליקלעך די פרוי.
אַ מאַן
איז
פאַראַן.

באַם סאַלון אַפן ראָג
שטייט אַ יונגפרוי אין „אָוועראָלס"
מיט פאַנעם פאַרסאַזשעט
און מיט שיקערדיק קאָל
שרייט זי מיט גיפט און מיט גאָל
אין דער שטאָט אָן מאַן:
— סאָנאָוואָביטשעס אַזעלכע!
אין שטאָט ניט קיין מאַן,
אין שטוב ניט קיין ברויט,
די קאַווע פאַרזיסט מען מיט פילן שטאָט צוקער
און הונען שיסן פון הימל מיט טויט —
סאָנאָוואָביטשעס אַזוינע.

אַכט פערד — פערציק מענטשן

אַכט פערד — פערציק מענטשן —
און קיין פּלאַץ ניט געלאָזט פאַר די לייז
אין וואַגאָן.
קלאַמערן זיי זיך אין לייב
און בייסן
און רייסן
און לאָזן ניט אָפּ —
פאַרדאַמט זאָלן זיי ווערן!

צוויי שטעלן זיך אויף
זעצט זיך איינער אַוועק
און דאַרף מען וואו גיין
איז איבער מענטשלעכן דעק.

פון פיס און פון קעפּ
אַן אומזין געפּלעכט —
און יעדער איז דאָ
פון ענגשאַפט אַ קנעכט.

זיינען קליידער און שיך
איינגעוואָקסן אין לייב
כאָטש שייל זיי ווי אַן אייגענע הויט.
נאָר צווישן קלייד און לייב
שפּאַצירט אַרום די לויז
ווי באַם אָרעמאַן די נויט.

איינמאָל אין טאָג באַווייזט זיך אַ קאָלדרע
מיט לייז, מיט קעז, מיט „בולי ביף" און האַרטע ביסקוויטן.
באַלד דערהערט זיך אַ כראָמטשען פון אייזערנע ציין
ווי מייז וואָלטן געגריזשעט שטאָלענע ניטן.

ס'איז איינער דעם צווייטן דערווידער —
נימעס דאָס אייגן געביין —
און איינער אַף צווייטן איז גרייט
זיך וואַרפן מיט פויסטן און ציין.

אַזוי ציען זיך פּרימאַרגנס,
באַטאָגן,
פאַרנאַכטן.
וואַגאָנען אָנגעלאָדן מיט לעבנס
צו דער בלוטיקער בוינע
צום שעכטן.

האָט באַן זיך וואו פאַרהאַלטן
אין וועג זיך געשטעלט
און באַלד האָט כעוורע סאָלדאַטן
באַלאַגערט דאָס פּויערשע פעלד.

האָט כעוורע געריסן די גרינסן;
געקוויקט זיך מיט זאַפט פון טאָמאַטן
און מיט בלוטיקע מיילער געכויזעקט, געלאַכט
פון אָרימען פּויער — די העלדישע סאָלדאַטן.

פרענק האָט געלעקט די טרוקענע ליפּן
און געשלונגען דורך גאָרגל די סלינע —
באַדויערט די אָרימע פּראַצע פון פּויער,
און אויגן האָבן געשפּיזלט כאַוויירים מיט סינע.

אַז כעוורע האָט, ווי אַ כייע מיט רויב,
פאַר זיך פאַרכאַפּט אַ ווינקל אין וואַגאָן —
איז אַריין דער הויכער קעפּטן בראַון
מיט אַ געצילעוועטן באַגאַן:

— מיר וועלן אייך ווי הינט דערשיסן!
— האָט צעדונערט זיך זיין קאָל —

— מער זאָלן אייערע פּיס קיין פעלדער ניט באַטרעטן.
זאָל זיין שוין דאָס, דאָס לעצטע מאָל!

האָט כעוורע זיך געוואָרגן מיט די ביסנס
און ניט געקענט צעעפענען די מיילער.
נאָר באַלד ד׳האָט זיך דערהערט פון איבין באַ דער טיר:
— אַהער נאָר כעוורע אויף אַ ווײַלע!

האָבן בליקן געקלעטערט איבער ווענט פון וואַגאָן
און קאָפּ האָט זיך געהויבן איבער קאָפּ:
פאַררוקט צווישן וואַגאָנען האָט קעפּטן בראַון פאַר זיך געקאַכט
„בולי ביף" און טאָמאַטן אין אַ בלעכענעם טאָפּ.

ס׳האָט פרעגקן דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ,
האָט ער פאַרביסן ביז בלוט די טרוקענע ליפּ.

מוישע שיפריס

„ערגעץ אין פראַנקרייך"

פרענק געדענקט דעם האָפן
„ערגעץ אין פראַנקרייך"
מיט האַרץ־פלאַטער פון ערשטער אַטאַקע
אָפן פראָנט —
שיפן קומען אָן ווי שלעכטע בסורעס,
שיפן רייסן זיך פאַר אַ פלאַץ אין האָפן.

ווי סטענגעס פון מויל פון קונצנמאַכער
ציען זיך רייען,
רייען טראָג־בעטלעך
טראָג־בעטלעך
טראָג־בעטלעך.

מיט פלייש געפּאַקט אין ווייסער מאַרלע
מיט רויטע פלעקן —
געשרייען פונעם גרויסן אומגליק.

און סאָלדאַטן דורך גראַטעס
דורך ווייס צוזאַמענגעצויגן
פון שלאַפלאָזיקייט, מוטלאָזיקייט
קוקן מיט רויטע אויגן ווי ווילדע אָקסן.

ס'האָט שאָלעם דער געשטופּלטער
מיט ווערטער מיט האַרטע, געבויערט די לופט:
— אָקסן אין בוינע זיינען מיר
און וואַרטן מען זאָל אונדז טראָגן
אָף אַ טראָג־בעטל.
נאָר אָן אָקס, געדענק איך,
אין אונדזער שטעטל,
אַז ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון דער בוינע,
האָבן פון זיינע נאָזלעכער געציטערטע
אַ זעץ געטאָן צוויי זיילן רויך

און שלעפּן האָט מען אים געמוזט באַ די הערנער
און שטופּן מיט אַ שטעקן פון הינטן,
און מיר צו דער שכיטע גייען אַליין —
כאַכאָמים אַזעלכע.

פרענקס אויגן האָבן געקעמפּט
מיט פאַרטאָגיקן שלאָף.
די פיס מיט באַנדאַזשירטע שיך
האָבן געברענט ווי אָף פריסיק.
די שיפּן האָבן געמייקעט
מיט טראָג־בעטלעך אָן סאָף
און פרענק האָט געבורטשעט,
געשפּיגן פאַרדראָסיק:

— „פאַרלירסט שוין די הויזן, מיין העלד —
געזען שוין די קאַרבאָנעס
פון בלייענער מילכאָמע־בייטש“...
שאָלעם ענטפערט מיט אַ שמייכל:
— „אַז איך בין צו שטאָלץ צו קעמפן
מיט אַ ליאַדע, פרעמדן דייטש“.

מוישע שיפּריס

סאָלדאַטן אין וועג

ס׳האָט זיך די באַן אַריינגערוקט אין הייסער איטאַליע,
ווי אַ ברויט אַף אַ לאָפּעטע אין אויוון.
קעפּ פון סאָלדאַטן זיינען געווען די קאָוואָדלעס —
די זון האָט געהאַמערט פון אויבן.

דער עפּילעפּטיקער אייבי האָט אַ וואָרף געטאָן
זיין שטענדיקן „קאַפּוט",
איז צו צום אָפיצער מיט אַ סאַלוט
און אָפּצאָסן־געקלאַפּ:
— „מ׳האָט געגאַנוועט מיין העלמעט
און איך האָב זיך ניט מיט וואָס צו שיצן
פון די שרעקלעכע היצן,
פון דער זון וואָס האַמערט
אַף מיין שוואַכן קאָפּ".

— „טראָג זיך אָפּ, הינטישער זון!" —
האָט דער אָפיצער אַ כאַפּ געטאָן דעם רעוואָלווער —
— „גיי און נעם בא אַ צווייטן
און קום צו מיר ניט מער".

ס׳האָט מער שוין בא קיינעם קיין זאַך ניט געפעלט
און קיינער האָט קיינעם קיין זאַך ניט געבעטן...
געווען געהאַרכזאַמע סאָלדאַטן —
האָט איינער גענומען באַם צווייטן...

די באַן האָט זיך געשטעלט
לעבן אַן אָרימען גאָרטן און מאָגער שטיק פעלד
און ס׳האָט די פויערטע, די אָרימע,
מיט דער יונגער טאָכטער,
אַנטקעגנגעטראָגן שוואַרצע
זאַפטיקע, פולע פייגן,
קלעפּיקע ווי האָניק.

מילכאָמע־טעג

האָבן די פיינע יונגעלייטלעך
אין אוניפאָרמס,
ווי אין אַ פרעמדער הויט,
געוואָרפן זיך אַף זיי
און מיט הענט, מיט קלעפּיקער פייגן־זיסקייט,
פאַרשוועכט די פּאַשעטע פריינטלעכקייט, ערלעכע
פון פּראָצעדיקן פויער...

מען זינגט וועגן דער שיינקייט
פון דער זוניקער איטאַליע —
נאָר פרענק געדענקט אַ נאַכט —
ווי מען האָט געטשאָטעוועט
אַף אַ האַלבן לאַבן ברויט.
ער הערט געשרייען יונג־מיידלשע
ווי קוויטשערייען פון הונגעריקע מייז:
— ע—סן, ע—סן, ברויט!
און ס'בייסט אים נאָך איצט
ווען ער דערמאָנט זיך —
אַ גאַנצע נאַכט
מיט נעגל פאַרוואָקסענע
האָט מען געריסן שטיקער לייב
און געוואָלט אַרויסרייסן די האַריקע ערטער
וואָס האָבן געווימלט מיט לייז און אומפּלייט.

דיביידלעך זיינען געשטאַנען אין אַ שמעקנדיקן וואַלד
און פרענק איז געלעגן ווי אַ בוים נאָך אַ שטורעם
און פרענק האָט געכאָלעמט פון די אייזערנע קאַמען
פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע
ווי ס'כאָלעמט אַ קינד פון מאַמעס אָרעם.

שאַ נאָך שאַ, מיטן שטענדיקן האַרב,
מיטן גאַנצן פאַרמעג אַף פּלייצעס און היפטן;
מיט ביקס און קוילן, באַיאָנעט און ריסקל.
און וואַסער־פלעשל, מיט דורשטיקן פּיסקל.

אין טיפן זאַמד די פּיס — קלעצער צוויי —
ווי אין מעליקן שניי.
שווייס מיט זאַמד אַף די אויגן
ווי פאַרנעפּלטע שויבן.
געזאַלצענע טראָפּנס פאַלן אַף די טרוקענע ליפּן
ווי אַן אומגליק אַף אַ מענטשן.
דאָס וואַסער אין די בלעכלעך, אַלומינע,
איז אויסגעטריקנט ווי אַ זיסע האָפענונג.

דער טאָג איז אַ מאַסע אַ בלייענע
דער וועג — אַ שווערער, אַ לאַנגער.
פּאַק רייסט מיט האַרטן לעדער ס׳לייב
ווי מיט אייזערנע צוואַנגען.

עס רעגנט דער הימל
מיט זוניקן בראַנד.
עס רעגנט מיט בליקן
אַף שיך און אַף זאַמד.

אַלץ — פאַרשוואונדן:
וועלט, און „איך",
געבליבן — בלויז
זאַמד און שיך.
שיך — וואָס האַלטן זיך אין איין באַוועגן
שיך — וואָס פאַלן ווי אַ שווערער האָגל־רעגן.
שיך.
שיך.

שווערע האַמער־קלעפּ
אַף אָפּגעטעמפּטע
זעלנער־קעפּ.

ווער עס פאַלט —
וועט זיך שוין צום לאַגער אַליין דערקלייבן.

— איז דאָס אָנגענומענע געזעץ.
נאָר ס׳געפינט זיך שוין איינער —
וואָס וועט דעם מידן קאָפּ אונטערהייבן.
און אָפּגעבן דאָס ביסל וואַסער, לעצטס.

— אָפּרוען פינף מינוט!

אַ ווײַלע כאַטש גוט.

פאַלן קערפּערס צום גליאיקן זאַמד
ווי צו אַ לאַנג־געגאַרטן לאַנד.
שיילן זיך פון פּלייצעס האַרב־פּעק
און פאַלן מיט שווערקייט אַף זאַמדיקן דעק.

פֿרענק האָט זיך צוגעשאַרט
צום אידעלן באַרשאַד —
דעם זיידענעם יונגנמאַן מיט פאַנסנע
וואָס באַם באַנק־פענצטערל אין ניו יאָרק —
איז ער געוועזן העפלעך ווי אַ לאַקיי
און געבעטן אַ טרונק וואַסער
צו דערפרישן דעם גומען.

האָט אים דער זיידענער באַרשאַד געענטפערט
געמאָסטן אַזוי:
—- אַ פלעשל וואַסער האָסטו געהאַט פּונקט ווי איך,
נאָר דו האָסט זיך געטיילט
מיט יענע וועלכע האָבן זיך ניט פאַרגרייט.
איז האָסטו ניט געזאָלט זיין אַזאַ גרויסער
(ער האָט צעצויגן יעדע הענט אין דער ברייט)
איז איצט קען איך דיר געבן אַף צו האַלטן —
מיין וואַסער דאַרף איך אַף שפּעטער באַהאַלטן.

מוישע שיפּריס

די דינע ליפּעלעך האָבן זיך פאַרהאַקט
ווי דער שלאָס פון אַ קאַרגנס בייטל
און ער האָט אַריבערגעקוקט די פּאַנסנע
ווי אַ בייז אויג איבער אַ שאָכנס פּאַרקן.

ער האָט אַביסל צעעפנט די ליפּן
און דורך די ציין אַרויסגעשיפּעט אַ מעסער:
— איצט וועסטו שוין היטן
און ניט געבן אַ צווייטן.

אַ קוואָדער אַ דייטש

אַזוי פיל יאָרן ביטערע שוין פאַרביי
און מיט איין פאַרדריק פון אויג
זעט ער אַלץ אַף ס׳ניי;
צעוויקלט זיך דאָס בילד אַ לעבעדיקס
ווי איצט וואָלט עס געשען
און קלאָר קען ער עס זען:

פון מאָרגן־פרי ביז שפּעטן זון־צעגלי —
אַף אָנגעגליטן זאַמד,
אין באָד פון זוניק פייער.
מיט האַק־און־פּאַק און ציין־פאַרקלעם
אונטער בייטשיקן באַפעל:
— „איינס, צוויי. איינס, צוויי!
— העי, וואָהאַטאַהעל!
— פאַרויס!
— פאַנאַנדערשפּרייטן!
— לויפן!
— פאַלן!"

עס טרוקענען ליפּן.
עס טרוקנט דער גומען.
די צונג — אַן אויסגעטריקנטע יאַשטשערקע
אין מידבער־מויל.
דאָס האַרץ — אַ שוואָם
אין יאַם פון סאַם.
דער בליק —
אַ פייל צעגליט פון גיפט.

מען לערנט זיך שטעכן.
מען לערנט זיך שיסן.
די פינגער פאַרקלאַמערט
די ציינער פאַרביסן.

די זון — אַ מיידל־קאָפּ, בלאָנד־האָריקער
שפּיגלט זיך אין געלע ספּראָנטשיקעס —
און זיי — זיי וואַרפן זיך אַף איר
און שטעכן זי מיט באַיאָנעטן גלאַנציקע.

מען שטעכט דעם טאָג, די זון,
די מאַנעקענס אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי.
מען יואוולט יעדן שטאָך
מיט גרילציקע געשרייען.
מיט צעווילדעוועטן הוראַ
באַפאַלט מען די טראַנשייען.

סאַרדזשענט סקאַרי רעזשיסירט:
— „שטאַרקער, בייזער, אַזוי, אַזוי.
מיט קריצנדיקע ציין,
מיט גרילציקע געשרייען
גררר—ר, גרר—ר—ר
אַף סוינישע אַרמייען".

ס'איז סאַרדזשענט סקאַרי
שוין לאַנג אין אַרמיי און אין שלאַכט
און לייב זיינס צוזאַמענגעגאָסן מיט אוניפאָרם
ווי ער וואָלט אַזוי אַרויס
פון מאַמעס טראַכט.

דאָס מויל זיינס איז אַ בייטל גיפט
און ווערטער זיינען ניט פאַרהוילן.
ער שפּייט מיט זידלערייען און קלאָלעס
ווי זיין אַלטע ביקס מיט קוילן.

— „הינטישע זין, גאָט פאַרדאַמטע,
אַ בראָך אייך אין האַלדז־און־נאַקן.
אַ דריי און — אַרויס דעם באַיאָנעט
אַניט וועט ער בלייבן דאָרט שטעקן.

— אַזוי, אַזוי, אַ צעיאָג און אַ שפּרונג
אַריין דעם באַיאָנעט — אַ דריי און אַרויס.
העי, דאָרט, וואָס שטייסטו און כאַלעמסט,
צעקראַכענע לויז!"

פרענק שטייט באַליידיקט
מיט הענט און מיט ציין אין קלאַמער פאַרביסן.
ער וואָלט איצט דעם טאָג און די זון —
די גאַנצע וועלט —
אַף שטיקער צעריסן.

— „אַריין דעם באַיאָנעט — אַ דריי,
אַזוי, אַזוי".

וואַרימע קלעפּעכץ אין גליטש איבער הענט —
בלוט פון דעם סוינע דעם בייזן —
עס דוכט זיך אויס פרענקן ער ריעט זיך אין אינגעווייד
פון איינעם ווי ער — אַ לעבעדיק וועזן.

פאַרענדיקט.
מען רוט אַפן זאַמד
אין שאָטן פון ביידל.
עס רעדט ליוטענאַנט ריס —
די אויגן קוקן ווייט —
דאָס פּאָנעם — בלאָס און איידל:

— „די רעגירונג באַצאָלט אייך
אַזוי פיל און אַזוי פיל אַ טאָג —
מוזט איר דערהאַרגענען
כאָטש דריי דייטשן אַ טאָג".
פרענק גיט אַ רעכן:
— אַ קוואָדער — אַ דייטש".
און שאָלעם פרעגט באַזם שאָכן:
— „וויפל דאַרף קאָסטן אַ דייטש אַף דער וואָג?"

— מען טאָר זיך ניט פאַרלירן אַפן פראָנט.

ער דערציילט:
— „אַ סאָלדאַט אין מיין באַטאַליאָן
האָט פאַרלאָרן די ביקס —
האָט ער זיך געוואָרפן אַפן „הון"
מיט „דזשעק־מעסער" —
סאַרדזשענט סקארי אילוסטרירט
מיט אַ פינגער, ווי אַ מעסער אַפן האַלדז:
— „היקס, מיקס, דריקס".
און מיט בליקן ווי מעסער:
— „ס'איז שנעלער און בעסער".

ליוטענאַנט דזשאַנסאָן פאַרענדיקט:
— „און אַז קיין דזשעק־מעסער איז ניטאָ
איז מיט ציין אינעם גאַרגל
געביסן,
געשטיקט,
ביז דערוואָרגן.
אַ סאָלדאַט טאָר זיך ניט פאַרלירן אַפן פראָנט".

ער זיצט פאַרטראַכט און רעדט.
די ווערטער זיינען פרעמד דעם מויל.
עס דוכט זיך — אַ שוואַרץ־קינצלערס האַנט
ציט פון דאָרט אַ בייזן ווערטער־קנויל.

דער סוינע

דעם סוינע דאָט פרענק נאָך ניט געזען
ער האָט אים אָבער גיך דערקענט.
פרימאָרגן אינספעקציע
ביקסן פאַרהויבענע אין אויסגעשטעלטע הענט.

קעפּטן גריי האָט אים אַרומגעטאַפּט מיט בליקן־באַיאָנעטן:
— „די קנעפּ ניט געפּוצט.
די שיך מיט זאַמד באַשמוצט
און פון ראַק הענגען באַ דיר צוויטן".

האָט פרענק, ווי אין אַ פיבער־קרענק,
גענומען שטאַמלען:
— „איך דענק —

האָט קעפּטן גריי זיך אָנגעצונדן
ווי אַן אָנגעגליט שטיק אייזן;
און אָפּגעטעסעט ווערטער מיט אַ האַק:
— „שווייג, מיר וועלן דיר ווייזן!
ביסט אַ סאָלדאַט און טאָרסט ניט דענקען.
מיר צאָלט מען צו דענקען פאַר דיר.
דו שטיי נאָר גלייך און ענטפער קורץ
און שאַרף:
יעס סיר, נאָ סיר."

פרענק האָט פּראָטעסטירט פאַרן אויסגעהונגערטן מאָגן
און ניט געוואָלט די קליינע פּאַרציע נעמען,
האָט דער קוואָרטערמייסטער סאַרדזשענט
אויסגעוואָליעט אַ פּאָר אויגן ווי באָמבעס:
— „דו נעם ס'עסן, אָדער גיי אין קאַרצער,
דו זיי דאָ ניט קיין כוואַט
You're in the army now
דו הערסט, ביסט אַ סאָלדאַט!"

און אַז פרענק האָט געוואָלט זיך קלאָגן
פּאַ‏ֿרן אָפיצער,
האָט סאַרדזשענט סקאַרי אים פאַרהאַקט דעם וועג:
— „ס׳אַכוצפּע פון דיר, —
צי ווייסטו ניט
אַז דו דאַרפסט זיך מעלדן צו מיר
אײדער דו קענסט גיין צום אָפיצער?“

אײדער מען האָט פאַרלאָזט דעם לעצטן לאַגער,
האָט מען צוגענומען די פוץ־בערשטלעך און פוץ־מאַסטן
פון שיך און קנעפּ און לעדערנעם געשפּאַן.
און דאָ האָט אים סאַרדזשענט סקאַרי
געבראַכט פּאַר קעפּטן ריס
און ער האָט געבאַ‏ֿראַבאַנעוועט
ווי שרויטן אַף אַ פּויק:
— „שיך און קנעפּ און ספּראַנטשיקעס
מוזן זיין געפּוצט יעדן טאָג“.

— „מ׳ד'האָט דאָך צוגענומען אַלץ“ —
שטאַמלט פרענק
און שלינגט די שפּייעכץ אין טרוקענעם גומען.

— „איז מיטן העמד געפּוצט.
און אַז דאָס העמד וועט ניט זיין ריין
איז פעלד־שטראָף נומער איינס.
איצט פעלד־שטראָף נומער צוויי
געדענק“ —
— „צוויי שפּאַן צוריק —
אומדרייען. גיי“.

אינמיטן טאָג, אונטער ברענענדיקער זון,
מיט שווערן פּאַק אין סאָלדאַטישן געשפּאַן,
האָט פרענק מאַרשירט „דאַבל טיים“

מילכאָמע־טעג

אַף אָנגעגליטער פּאָן.
און פאַר ניט זיין זשוואַווע געווג
צום באַפעל פון קאַרפּאַראַל
איז —
— „פעלד שטראַף נומער איינס.
דהעטס אָל!"

פון פרימאָרגן ביז אָוונט
פון זון געסאַרפעט און געבראָטן —
גריבער אויסגעגראָבן
און באַלד צוריק פאַרשאָטן.

שטיינער אָנגעטראָגן
און אויסגעלייגט אַ בריק —
און באַלד זיי צענומען
און געטראָגן צוריק.

ס'איז פרענק פול מיט צאָרן — צום פלאַצן —
פאַרהאַקט אונטער ציינער און ליפּן.
פאַרמישפּעט אָט דאָ צום טייוולשן שפּיל ;
אויסמעסטן וואַסער אין צעלעכערטע זיפּן.

אינדערפרי און פאַרנאַכט
צום סלופּ געבונדן פיס און הענט —
אָן אויסרוף צו די זלידנע פליגן :
— קומט פרעסט און פאַרלענדט.

די קליידער זיינען רויט־גליאיקע שפּילקעס
דער קאָפּ אין אַ ראָם — אַ פייער־בראַנד.
ער קען ניט אָפּטרייבן די זלידנע פליגן —
פון אומבאַהאָלפנקייט — די שאַנד.

האָט אין פרענקן געצאָרנט
אַ גיפטיקע סינע.
געבורעט אין כוואַליקן געדראַנג —
צום ליוטענאַנט, צום קעפּטן, צום סאַרדזשענט,
צו יעדן —
פון קלענסטן ביז העכסטן ראַנג.

דער כאַוור — דער סוינע

געקומען דער סוינע —
פערציק טויזנט לעבנס — אַף זאַמדיקן באָדן —
אַרומגעוויקלט מיט שטעכיקע דראָטן.
ביידלעך לייוונטענע, אין רייען צעשטעלט,
זעקס הונדערט אַפּטריטן — אָפענע עמערס —
מיט זוניקן ליכט באַהעלט.

סאָלדאַטן מיט נייגער
און סוינע מיט פאַרזיכט באַלאָדן —
מיט געמאָסטענע טריט
קומען צו צו די שטעכיקע דראָטן.

נאָר וואו איז די שרעק?
און וואו איז דער קאַס?
און וואו איז אין האַרץ —
אַ פונק פונעם האַס?

ווער איז דער פיינט?
און ווער איז דער זיגער?
פון ביידע זייטן צוים —
געפאַנגענע קריגער.

פרענק שטייט מיט פאַרכאַלעמטע אויגן
און זעט ניט דעם דראָטענעם צוים.
די בליקן האַלטן אין פאַנגשאַפּט אַ סוינע.
אין מויל אַ געשריי,
נאָר די ליפּן באַוועגן זיך קוים.
דער סוינע גראַבט זיך אין אָפּפאַל
באַם אָפענעם אַפּטריט —
קלייבט פון די מיסט־בערגלעך
אָפּפאַל פון גרינסן.
אין אויגן פאַרלאָשענע —

אָן אויפשיין —
פון נישטיקע געפינסן.
פרענקס האַרץ טויכט זיך אין אומעט,
אין ווייטיק.
עס רייסן זיך ווערטער
צום כאַוואַר, דעם סוינע.
גאָר ליפּן פּאַראַקשנט
באַוועגן זיך קוים.

שטעכיקע דראָטן קענען ניט צוימען
ווערטער פון פריינטשאַפט
נאָענטקייט פון ברידערשאַפט —
ס׳הייבט זיך אַריבער די רוימען.

די צוגעגרייטע וועטשערע,
שטיקלעך קעז און שטיקער ברויט
הייבן אָן פליען
איבער דראָטענעם פלויט.

ס׳פאַלט צו מיטאַמאָל דער אָוונט.
ס׳לויכטן אויף צעפלאַקערטע שטורקאַטשן —
פּענימער צעווינטיקע, אין ברוינלעכן ליכט
זעען אויס ווי לופטלאָזע מיאַטשן.

ס׳פאַלן רייד פריינטלעכע פון שאָלעמען:
— „מיר זיינען אַלע אין קלעם
פון זעלביקע צוואַנגען״.
און ס׳ענטפערט אַ סוינע מיט ביטערן שמייכל:
— „ס׳מאַכט ניכט, ס׳מאַכט ניכט,
מיר זיינען אַלע דאָ געפאַנגען.
מיר פון אינעווייניק
און איר פון דרויסן
און דו, דזשיבם, צי דזשאָן —
האָסט זיך גאָר ניט וואָס צו גרויסן״.

מילכאָמע־טעג

דאָ און דאָרט אַ יענקי
מיט אַ פּאָנעם פאַרפרוירן —
גיט זיך אַ וויג
אונטער לאַסט פונעם זיג —
און שמייכלט פאַרלאָרן.

און שאָלעם פאַרקלאַפּט
ווי מיט דעם האַמער אַ צוויאַק —
— „און אויב ס׳וועט אונדז דאָ ניט טרעפן
דאָס הימלישע גליק
וועלן מיר פאַרלייגן די קעפּ
ערגעץ אין אַ פאַבריק.
מיר און זיי —
די סאָנים“.

אָפּגעזאָגט —
שמייכלען אַלע גריבעלעך
אויף זיין געשטופלט פּאָנעם.

ס׳קומט אָן אַ שושקען, ווי אַ בייז ווינטל אין אַ גוטער שאָ —
— „פאַרזיכטיק,
קעפּטן דזשאָנסאָן איז דאָ“.

פון ביידע זייטן צום קערעווען זיך קעפּ
און אַלע — ווי סטרונעס אויסגעצויגן.
די בליקן געשאַרפטע צום סוינע — דעם קעפּטן —
מיט שטעכיקע וואָנצעס און שפּיזיקע אויגן.

ער וואָרנט און דראָעט:
— „ניט פריינדלען זיך מיט געפאַנגענע,
ניט צולאָזן צום שטעכיקן דראָט“.

און איז נאָר קעפּטן דזשאָנסאָן אַוועק
איז ווידער פאַרברידערט,

און ווידער פאַרגלידערט
און ווידער —
„ווען נעמט שוין אַן עק ?
— ווען ענדיקט זיך דער געהענעם —
די פאַרפלוכטע מילכאָמע ?"
— „עך, דאַרף מען אַ טרייבער טאָן
די הינטישע נעשאַמעס".

— „און ווער האָט געוואָלט דאָס ?"
— די געלט־זעק, די פּולע.
— מען זאָגט, אין רוסלאַנד
האָבן זיי געכאַפּט אַ וויסטע מאַפּאָלע".

— מיינסט, אַז בא אונדז וועט מען שווייגן ?
מיר וועלן עס מאַכן אַף רוסישן שטייגער.
מיר וועלן אַ רוק טאָן פאַרויס
די ווייזער פון זייגער.

און ווידער פליען
די טויבן פון פרידן.
פון סאָלדאַטישע הענט פליען
ברויטן און ציגאַרעטן.
פון געפאַנגענע — צוריק
פאַר סאָוועניִרס
מעדאַלן קייזערלעכע און ספּראַנטשיקעס פון גאַרטלען
מיט אויפשריפטן „גאָט מיט אונדז" —
— צום טייוול !

סאָלדאַטן עסן וועטשערע.
פון איין זייט
פערציק טויזנט געפאַנגענע —
זעקס הונדערט אָפענע אָפּטריטן
מיט אַ טויזנטפאַכיקן געשטאַנק.

מילכאָמע־טעג

פון דער צווייטער —
אַלע פאַרלייזיקטע קליידער
געבראַכט פונעם פראָנט.
און אינמיטן —
די אָפענע קיך.
סאָלדאַטישע וועטשערע: —
אַ קופקעלע גרין איינגעמאַכטס
אַף אָפגעצופטן ברויט
מיט אַ קאַלעמוטנעם געטראַנק.

פון די אָפּטריטן קומען אָן די זלידנע פליגן
באַלאַגערן דאָס גרינע איינגעמאַכטס.
און ס׳הייבט זיך אָן אַ פאַרביטערטער פאַרמעסט:
צווישן פאַראַקשנטע פליגן —
און אָפענע מיילער —
אַ שלאַכט.

אַ טרייב מיט דער האַנט —
אַ שנעלן פאַרהאַק מיט מויל־שלאָס
אַ ברויטיקן קנויל,
און פליג קעמפט מיט קויכעס לעצטע
צווישן גרינלעכער מאַסע
און גומען פון מויל.

מוישע שיפּריס

מעשוגענע נעכט אַזעלכע

די זון הינטערן באַרג.
דער הימל —
רויט.
קופּער, גאָלד
און פייער גלאַנץ.

לעשט ער זיך —
איז ער מיט אַפּגעלאָשענע שטיקער אייזן אַנגעוואָרפן.
האָט דער הימל זיך אינגאַנצן אויסגעלאָשן —
איז די פינצטערניש מיט מעסער צו שניידן.

די הערצער זיינען אָנגעפילט מיט צאַר און בענקשאַפט —
נאָר די פינצטערניש הענגט ווי אַ שלאָס אַף די ליפּן.

אַפן קאָפּ פונעם ביידל פאַלט אַן אַ בייזער רעגן,
ווי רוגזעדיקע שרויטן אַף אַ פייקל.

וועמענס גסיסע־כאָרכל, רעגן בייזער,
וועמענס וויי, ווילסטו פאַרקלאַפּן ?

דער רעגן איז מיד און פאַרמאַטערט.
דאָס קלאַפּן — ווי רייד,
פון איינעם מיט אויסגעשעפּטע קויכעס.

סאָלדאַטן — געבראָכענע געשטאַלטן
אַף פּעקלעך וואָס דינען פאַר שטולן.

ריטשקעלעך שלענגלען זיך פון אונטער די פּעקלעך
און לויפן צו אַ פאַרזאַמלונג
אונטער דער ברוינער טשערעפּאַכע —
דעם שטאָלענעם העלמעט,
מיט צאַנקנדיק ליכטל אַפן רוקן.

מילכאָמע־טעג

איבער די גרויע געשטאַלטן
הייבן זיך שאָטנס —
באַוועגן זיך ליפּן —
נאָר מען הערט ניט קיין רייד.

אַ לאַנגער שאָטן גיט זיך אַ הייב
צום געוועלב פונעם ביידל,
ברעכט זיך איבער —
און איבערגעקערטער קאָפּ
וויגט זיך אַרונטער פון אַקסלען
ווי אומרו פון זייגער.

„איי, איי, איי"
— שמאָטשקעט שאָלעם מיט ליפּן, ווי טאָצן —
„ווי עמעסע ווייבער צעגראַגערט...
צי זענט איר די העלדן פון אַנקל סעם
צי איז דאָ אַ קליידלשער לאַגער ?"

אָט אַזוי איז שוין טאָמעד.
ס'איז שאָלעם אַ מיידים אַף פאַרטרייבן דעם אומעט.

ס'האָט שאָלעם פאַרהאַקט אין דער שטילקייט אַ קלין —
און באַלד איז די שטילקייט געשפּאָלטן —
ס'האָט פון הערצער געגעבן אַ שאָט זיך די רייד
וואָס ס'האָט יעדער פאַר זיך נאָר באַהאַלטן.

שפּעטער אָוונט.
ס'פּאַלן אומעטיקע רייד,
מאַנאָטאָן,
ווי דער רעגן אַפן ביידל.

דערציילט דער הויכער, בלאָנדער דזשאָן,
מיט בליקן — אַף יענער זייט יאַם:

מוישע שיפּריס

— „געאַרבעט אַף דער פאַרם אין ניו ענגלאַנד —
פון פאַרטאָג ביז זון־פאַרגאַנג.
טעג פון שווערער מי און זאָרג
ביז ס׳האָט דאָס האַרץ דערפרייט אַ וויגנדיקע זאַנג.

איך געדענק ניט צי איך בין ווען געווען אַ קינד...
ווער האָט דען געוואוסט פון שטיפן און פון שפּילן? —
אַז טעג זיינען געקומען באַלאַדן מיט אַרבעט
און זאָרג האָט געטריבן די הענט, ווי ווינטן די פליגלען פון מילן.

מיין טאַטנס לאַנג פּאַנעם
האָט קיינמאָל קיין שמייכל אַף זיך ניט געטראָגן.
אַף דער מאַמעס פּאַנעם —
האָבן קנייטשן פאַרשאַכערט די יאָרן.
איך געדענק זיך שטענדיק
מיט אַ שווערן גאָפּל היי אַפן וואָגן —
מיט באַרוועסע פיס באַם אַקער,
אָדער געבויגן דעם רוקן
אין גאָרטן באַ בייטן.

דער איינציקער יאָנטעוו —
שאַבעס נאָכמיטיק אין „ווילעדזש״
לעבן „דזשענעראַל סטאָר״.
מען טרעפט זיך מיט פאַרמער,
מען רעדט פון גערעטעניש,
פון „מאָרטגעדזש״ און פּראָצענטן
און מען שפּייט מיט געלן טאַבאַק־זאַפט —

געקומען דער רוף פון לאַנד
אין רעכטן מיטן —

האָב איך פאַרוואָרפן די קאָסע אַפן אַקסל —
די מאַמע האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן
און אָפּגעווישט אַ טרער.
דער טאַטע האָט שטייפער נאָך פאַרקלעמט די ליפּן.

מילכאָמע־טעג

פון די פעלדער זיינען געקומען
די יונגען פון אָרום.

באַם אַלטן בוים,
אָפּן שייד־וועג פון זיבן וועגן,
האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט
און יעדער האָט זיין קאָסע אַריינגעזעצט
אין הערץ פון אַלטן בוים.
פון אויבן האָט מען אויפגעד־האַנגען
די פאָן פון שטערן און פון שטרייפן.

איצט זשאַווערן די קאָסעס אינעם בוים —

איז ווענמענס קאָסע וועט נאָך שניידן זאַנגען
און ווענמענס וועט שוין איינגעוואַקסן בלייבן
אין האַרץ פון אַלטן בוים?"...

דזשאָנס אויגן זיינען איצט בלויער
און טיפער און פייכט —
זיין געשטאַלט איז אַף פעקל אין ביידל
נאָר ער אַליין איז ערגעץ ווייט.

דער „קיד", אַן אַכצן־יאָריקער —
מיט צאַר אַף פּאָנעם און האַרבקייט אין נאָז
האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָפּן עלנבויגן
און טיף אַרויסגעזיפצט:
What a life

מיט ציין־פּאַרקלעם פאַרהאַלטן די טרערן אין די אויגן,
געוואָלט האָט זיך דער „קיד" צעוויינען —
נאָר ער האַלט זיך גרויס און מענעריש.

— „נו, וואָס איז דאָ אַסאַך צו רעדן —
אייך האָט מען געשלעפּט — איך האָב וואָלונטירט.

אַז װענט האָבן געשריען „זיי ניט קיין סלעקער" —
האָט מען מיך, װי אַנדערע, אַהער פאַרפירט —

אַז דער טאַטע איז יאַדעשליװע און בייז
און דאָס אַלטע טענעמענט־הויז איז פול מיט שימל און מיט קעלט,
אַז דאָס הויז איז פול מיט קלאָלעס און קאָרג דאָס ברויט
װילט זיך לויפן ערגעץ אין דער פרייער װעלט.

אין שול האָט מען געלערנט —
„דאָס לעבן פאַר דער גלאָררייכער פאָן
און צװיי מאָל דאָס לעבן —
פאַרן פאָטערלאַנד גרייט.
און אַף אַלע ראָגן און װעגן
האָט מען נעצן פון בוימלדיקע רייד
פאַר אונדז פאַרשפּרייט —
נו, בין איך פאַרכאַפּט געװאָרן אין די נעצישע פאַלדן
צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע יאַלדן".

עך, ס'אַלעבן!
זיפּצט אַרויס אַ שטיק האַרץ
דער יונגער אַלטער —
ער דרייט זיך אויס
מיט פּאָנעם צעקרימטן צו לייװנטענער װאַנט —
אַ פיינלעכן װייטיק באַהאַלט ער.

דאָס שװייגן האָט װידער די מיילער פאַרפּראַלט
און די שטילקייט האָט מיט קניפּיקע בייטשן געקנאַלט.

ס'האָט אָנגעהױבן שלעפּן װערטער, דער שניידער דזשעק,
געצייכנט װי מיט קרייד אַף ענגלישן טװיד,
ס'האָבן אויערן פאַרנומען יעדן װאָרט, יעדן קלאַנג —
און דער רעגן האָט באַגלייט, און דאָס האַרץ געטיקט
צום טאַקט פון זיין טרויעריק ליד.

מילכאָמע־טעג

פאַרשוואונדן איז ערגעץ דאָס לייוונט־געצעלט
און ס׳האָט זיך אַ בלאָטע פאַר די אויגן געשטעלט.

אין בלאָטע — אַ געסל. אַ שטיבל געהויקערט.
ערגעץ אין רוסלאַנד פאַרוואָרפן אַ שטעטל.
קינדער מיט בייכלעך געשוואָלן. פיסלעך ווי רייפן —
דאָס כייעס גייט אויס נאָך אַ טרוקענעם ברויטל.

צו ניין יאָר איז דזשעק שוין אַ „אינגל אַף לערע".
די לונגען צעבלאָזט ער אַף קוילן פון פרעסל.
די פיס — אַף אַ גאַנג — די הענט פאַר דער שטוב.
אַזוי שלעפּט ער די טעג ווי אַ פערדל אין שפּאַן.
די נעכט — ווי אַ בייגל פאַרדרייט אונטער טיש
און צווישן אים און הונגער — אַן אייביקער קנופּ.

ס׳איז דזשעק שוין אַ געזעל —
די נאָדל אין האַנט פלינק ווי אַ שפּינדל.
דאָס קרייד אַף דער וואָרע
ווי אַ סמיטשיק אַף אַ פידל.
נאָר ברויט מיט קאַרטאָפליעס —
ניט גענוג צו דער זעט —
און די נויט אין ווינקל —
זינגט נאָך אַלץ דאָס טרויער־לידל.

טעג זיינען אָנגעפילט מיט צאָרן.
נעכט — מיט פולווער.
און אויערן אין וועלדל
שלינגען ווערטער פון אַ ניט־געזען מויל.

„האָב איך געסטרייקט,
געקעמפט מיט פּאָליציי
און ס׳האָט מיין לייב שוין געפילט דעם טאַם
פון אַ בלייענער קויל.

כאַווײרים האָבן אָפּגעשלאָגן פּאַליצײ —
ווען ס׳האָט געהאַלטן בײַ פאַרשיקן.
בין איך אַוועק זוכן ברויט און פרײַ
אין דעם לאַנד מיט די גאָלדענע גליקן.

ס׳איז לודלאָוו אַ גאַס ווי ריט און ווי פּיט
מיט פאַרשטיקטע „בעדרומס״ און וואַנציקע בעטן
און אַלע באַלעבאַטים און „באָסעס״
זײַנען פון איין טײג געקנאָטן.

און אַלע ווילן רויבן דײַן פּראַצע און מי,
דײַנע שאָען און טעג —
און אַלע ווילן דערשווימען מיט בלוטיקן שטראָם
צום גאָלדענעם וועג —

און פרײַהײט
אין גאָלדענעם לאַנד
וועגט מען לויט מאָס פון דײַן געלט.
און צאָלסטו פאַר דײַן ברויט
מיט אײגענער פּראַצע —
איז ענג פאַר דיר די גאַנצע וועלט.

ס׳האָט די „דרעפט באָארד״ ניט געקענט אַוועקרײַסן
די רײַכע זינדלעך פון די פעטע מאַגנאַטן —
האָט מען מיך, דזשעק דעם שנײַדער,
געשיקט זײ פאַרבײַטן.

האָט מען מיך אַוועקגעריסן
פון שאַפּ און מאַשין
און אײַנגעקלעמט אין אוניפאָרם
און סאָלדאַטסקע דיסציפּלין.

און דאָס לעבן מיט קוילן
דערלאַנגט אין דער האַנט:

„נאַ, גיי און גיב עס
פאַר באַשיץ פונעם לאַנד“.

איז וואָלט מען כאַטש געשאָסן
אין אַ פוס צי אַ האַנט.
און אַוועק אין שפּיטאָל —
שוין נימעס דאָס לויזיקע זאַמד.
זאַמד.
זאַמד.
אין געטראַנק — זאַמד.
אין עסן — זאַמד.
צווישן די ציין — זאַמד.
אין די אויערן — זאַמד.
אין די נאָזלעכער — זאַמד.
אין די האָר — זאַמד —
די געהירן זיינען פול מיט זאַמד.
עס קנאַקט, דוכט זיך, זאַמד,
ווען דו טראַכסט.
אַלץ איז זאַמד.

עך, ברידערלעך,
אין שפּיטאָל איז אַ לעבן!
אַט האָט „רעד“ מיט זיך געמאַכט אַזאַ קונץ
און צוגעשטעלט דעם דאָקטער אַ ווענערישע קרענק —
איצט ליגט ער אין שפּיטאָל אויף ריינעם בעט,
אויף ווייסן, בליאַסקנדיקן ליילעך
און עסן האָט ער צו דער זעט
און שפּאַצירט אַרום אַזוי פּאַמעלעך
און קנאַקט קיין זאַמד מיט ציינער מער —
און ניט דער איינציקער איז ער —
און מיר,
ווי ווערים דאָ אין מיסט —
אַ מילכאָמע האָט זיך זיי פאַרגלוסט!“

מוישע שיפריס

ס'זעצט זיך אויף אומעטיק צעשראָקן
דער „קיד"
און מיט ליפּן ציטערדיקע
און מיט אַ וויינענדיקן ניגן
דערציילט ער,
אַז די לעצטע פּאָר טעג
זינט ער איז צוריקגעקומען פון שטאָט,
פון אורלויב
פילט ער עפּעס...
עפּעס האָט זיך אים געמאַכט — אַ פּרישטשעקל.

זיינען אַלע געבליבן זיצן שטום
און פאַרגליווערט.
מיט אַלע כושים אַף דער וואַך.

נאָר מעקס, דער גאַרבער פון ניו דזשוירזי,
האָט זיך אויפגעשטעלט
ווי אַ פרעג־צייכן אין מיטן ביידל:
— איז שעם זיך ניט „קיד",
קנעפּל זיך אָפּ און לאָמיך זען —
כ'האָב אַסאַך דערפאַרונג אין דער זאַך.

ס'פלאַמט אויף דאָס פּאָנעם, דאָס אַכצן־יאָריקע,
און ס'ציטערן די אינגלשע הענט.
ווי דאָס צאַנקנדיק פלעמל צאַפּלט זיין האַרץ —
לעשט זיך און לענדט.

מעקס' שווערע גאַרבער האַנט
צערטלט דעם „קידס" דינע פלייצע:
— זע בעסער דעם דאָקטער באַלד —
ס'איז גאָר ניט „קיד" — נאָר נעם מיין אייצע.

אַז דער אינגל איז אַרויס
האָט מעקס אַ שפּיי געטאָן מיט גאַל:

— גאָט פאַרדאַמט, סאַראַ כאַזעריש לעבן —
בעסטיעס!
מיט דער מאַמעס מילך אַף די ליפּן
געפירט אים אין שטאָט אַנצוהייבן —
איצט האָט ער אַ טייערע מאַטאָנע...

אָט האָט איר אייך די גלאָריע פון מילכאָמע —
שפּיטאָלן אָנגעפילט מיט — אַ העל!
נאָר וואָס איז דאָ דער אונטערשייד —
אַז די גאַנצע מלכאָמע — איז אַ סיפיליס־בראַנד.
עך, דאַרף מען זיי ציען די היגטישע פעל.

דער געשטיפלטער שאַלעם
מיט הענט אַף דער ברוסט
און אויגן פאַרגלאָצטע אַרויף —
האָט זיך צעשאָקלט פרום
און רייד אַריינגעדרייט אין נאַכט
ווי אַ גליענדיקע שרויף:

— גלאָרי, גלאָרי, האַלעלויאַ!
בוימלדיק־געזאַלבטער לאָרד —
פאַרגיב דעם גאַרבער, דיין אָרעמען קנעכט,
פאַר זיין ניט־געווײַרויכטן וואָרט.

וואָלט ער אַ געפּאַשעטן הינטן געהאָט
מיט דעם עכטן דערהויבענעם געפיל
וואָלט ער זויכע געווען צו באַנעמען
דיין גלאָררייכע, געטלעכע מילכאָמע־שפּיל.

ווי דיינע געטרייע זין, די מאָרגאַנס, אָ לאָרד,
וואָלט ער פאַרשטאַנען דעם עמעסן מאָטיוו —
אַז די עכטע קונסט באַנעמט מען בעסער פון וויטן —
ווי רופט מען דאָס? יאָ — פּערספּעקטיוו.

און מיט צענעמענע הענט צום אָרום
און פּאָנעם ליכטיק צעהעלט:
— נו, וואָס, ס׳איז דאָך אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע —
מיר ראַטעווען די גאַנצע וועלט.

— און ווער וועט אונדז ראַטעווען?
איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ פּילקע דער גאַרבער
און אויסגעשפּרייט געפּויסטיקטע הענט —
ווי האַמערס צוויי.

אַף לייוונטןביידל האָט זיך צעלייגט אַ ציילעם
מיט שווערקייט פון בליי
און די שטילקייט האָט געריסן מיט געשריי.

— אַז צו וואָס קריכט אַזאַ יונג
אין פייער העלישן —

— מיסטאָמע געוואָלט פאַר די מיידלעך —
זיין העלדישקייט באַווייזן.
האָט דיק מיט אויגן-לעפּלעך פאַרקוועטשט
אַ בליק אַ שעלמישן.

— און פּאַטריאָטיזם, און פאָטערלאַנד —

האָט מען דאָך געטרובעט און געשאַלט
געפּאַכעט מיט דעמאַגאָגיע ווי מיט פאָנען
און מיט ווערטער, ווי פּויסטן געביילט,
פאַרשפּרייט אַזאַ געשטאַנק —
— פאַרן פאָטערלאַנד!
פאַר דעמאָקראַטיע!
פאַר דער גלאָריע —
אַ באַנק!

מילכאָמע־טעג

— איז וואָס ווילט איר פונעם „קיד" ?
נו, און מיר ?
איך — און איר ! —
האָט מעקס אַ זעץ געטאָן
מיט פויסט אַף קני
און ס'האָט אין זיינע אויגן
אַ פייערל געטאַנצט אַ גליי —
— מ'האָט אונדז אַלעמען פאַרנאַרט —
— דעמיט !

אַ ווײַלע געשוויגן און באַלד זיך אַ שטעל
און אַ גיפטיקן שפיי —
— טו העל !
מיר זיינען אַלע פאַרסאַמט
פון דעם זעלביקן קוואַל.
אָפּגעבאַרעט — דהעטס אַל !

און שטיל —
די קעפּ אַף די הענט.
די הענט אַף די קני.
די בליקן אין זאַמדיקן באָדן.
געצאַנקט האָט דאָס ליכט
שלאַנגיש געצישעט.
און הערצער מיט צאָרן —
ווי מיט בליי אָנגעלאָדן.

ס'האָבן פרענקן געגריזשעט
די שטעכיקע רייד
געקלאַפּט אַף זיין האַרץ
ווי אַף קאָוואַדלע — דער האַמער.
אין מויעך האָבן געשטורעמט
געדאַנקען צעכוואַליעט
און קאָפּ אין די הענט —
אין אַ רייפיקן קלאַמער.

דאָס ליכט האָט אויסגעהויכט
דאָס לעצטע ביסל לעבן.
דער לעצטער קלאַנג פון „רעטריט“
איז ציטערדיק געשטאָרבן.
די אומעטיקע שאָטנס
זײַנען פאַרשוואונדן פון די ווענט
און פינצטערניש האָט איינגעהילט
קעפּ אַף געפּויסטיקטע הענט.

שטיל.
נאַכט —
און שפּעט.
אַ אינגלשע שטים
מיט געוויין
און געבעט:
אַ שניט
אין נאַכטיקן מיט:

Oh, I want to go home
Where the bullets don't whistle,
The cannons don't roar,
I don't want to be in the trenches no more.
Take me over the sea
Where the Germans can never get me.
Oh ma, I don't want to die,
I want to go home.

דאָס וויינענדיק געזאַנג
האָט לאַנג געציטערט אין נאַכטיקן בלוי
ביז ס'האָט ווי אַ בייטש אַ שניט געטאָן
סאַרדזשענט סקאָריס נאַכטיקער געוואוי:
— קאַמעראַדן!
קאַ—מע—ראַ—אַ—דן!

געגעזט איז סאַרדזשענט סקאָרי
און זיין לעדערן פּאַנעם
פאַרדעקט די סוידעס פונעם פראַנט.
נאָר אין נעכט
מעשוגענע אַזוינע
ווען ס׳האַמערן אין מויעך געדאַנקען
ווי האַמער־קלעפּ
צעבליצט זיין יאַמערלעך־געוואָי
און צעפּאַלט זיך
ווי שטיקלעך שראַפּנעל, גליאיקע
אַף סאָלדאַטישע קעפּ.

מעשוגענע נעכט אַזעלכע —

...טויזנטער קוואָרים פּאַרזייטע —

ס׳האָט דער שניטער קיין צייט ניט געהאַט
איינצוזאַמלען די סנאָפּעס טוואַע
ליגט דער שניט צעשפּרייט
אַף פעלדער,
בערג
און טאָלן —
טויט —
טויט אין האַרצן.
טויט אין מויעך.
טויט אין די אויגן.
טויט אין יעדן טראָפּן בלוט.
די נאַכט קומט אָן מיט טויט.
פאַרטאָג גייט אויף אַ נעפּל מיט טויט.
דער טאָג שטעכט די אויגן מיט טויט.
— טויט.

— נאַכטיקע קאָשמאַרן: —
...אַ ריזיקער צייג־פינגער —

טויט!
נעכט אָזעלכע געווען —
האַמער־זעץ אין ברוסט —
———טויט!
ס׳לעבן נאָך ניט געלעבט
און שוין —
טויט!
איבער אַלע הימל־קראַצערס
האָט זיך געהויבן און געהעכערט
דער באַרג פון גאָלד —
און מיט גיריקן אַפּעטיט
האָבן די רייכע הענדלער
געשלונגען די גאָלדענע רענדלעך.

דער בויך פון פּראָספּעריטי —
האָט זיך אָנגעבלאָזן — צום פּלאַצן —
און געשימעט צום טאַקט
פון פייפעלעך און טאַנצן —
נאָר אַנקל סעמס צייג־פינגער
האָט פאַרפאָלגט:
You!
You!
דו לעבסט נאָך?!
— טויט!

פּאַרק עוועניו דאַמעלעך מיט געכאַליעטע לייבער
האָבן געשמייכלט מיט געשמינקטע ליפּן,
געצערטלט די הינטעלעך,
פאַרקויפט „ליבערטי באָנדס״
און אונטערגעהאַלטן אַנקל סעמס צייג־פינגער:
You
— דו לעבסט נאָך?
טויט!

פרענק גיט אַ שפּיי מיט גיפטיקן גאַל:
— סאָנאָוואָביטשעס אַזעלכע!
באָם פייער פון יונגע לעבנס
האָבן זיי געוואָרעמט
זייערע ברייטע הינטנס —

— און איצט שוין ווידער מילכאָמע —
און מיך פרעגט מען גאָר ניט.

מען דערציילט פון העלדישקייט פון פראָנט —

אַז פרענק האָט נאָך מיילן ווייט פון פראָנט
באַגעגנט אַ נאַכט מיט ליכטיקע שטערן —
האָבן אין זיינע אויערן
קוילן־קנאַלן געלאָזט זיך הערן —
ער האָט זיך שפּעטער געכאַפּט
אַז געקלאַפּט האָט גאָר ס'אייגענע האַרץ.

פרענק איז מיט כעוורע צונויפגעדרייט געליגן —
ווי בייגל שטעכיק דראָט —
ווי טשערעפּאַכעס אַריינגעצויגן אין אייגענעם לייב —
די נאַכט האָט געפינטלט מיט רויטע שראַפּנעל־שטערן —
אַ מאָנסטער מיט רויטע רויבער־אויגן.

ווי ווערים וואָס רויען זיך
אין וואונד פונעם עפּל
האָט מענטש
זיך גערויעט אין וואונדן פון דר'ערד.
די ערד איז געלעגן מיט נאַקעטן,
אָפענעם האַרץ,
מיט וואונדיקע גריבער,
מיט וואונדיקע בערג
און געגאַנגען איז איינער — אַ מאָנסטער —
מיט בלוטיקע אויגן,

געשפּיגן מיט פייער
מיט גליאיקן הייסן.
און ווי ס׳פאַלן פון האַנט פונעם זייער
דער ווייץ און דער גערשטן,
מיט גיריקן הונגער צו זאַפטיקער ערד —
אַזוי זיינען פון מויל פונעם מאַנסטער
מיט בלוטיקע אויגן
געפאַלן סאַלדאַטן,
סאַלדאַטן
מיט אויגן צעעפנט,
מיט ציינער פאַרשטייפטע,
מיט פעניםער פאַרקלעמטע,
געפאַלן
געפאַלן
אויף וואונדיקער ערד.

ס׳האָבן קוילן געפייפט,
קאַנאָנען גערעוועט,
שראַפּנעלן געסוויסטשעט,
נאָר פרענק האָט געהערט בלויז די אייגענע שרעק —

די צייט פאַרד־האַרטעוועט
ס׳וואַקסט אַן אַן עלפאַנט־פעל —
און אַז פרענק האָט זיך געגאַנווועט
ווי אַ שלאַנג אויפן בויך
צום סוינעס טראַנשייען,
און יעדער פינטל מיטן אויג
האָט געטראָגן אין זיך אַ נאַכט מיט טויט —
האָט געצויגן דאָס לייב צו דער מאַמעשער ערד
און ווי געשמאַק עס האָט געוואָלט זיך שלאָפן —

נאָר פרענק איז גרייט געווען צו שיסן,
אָבער טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן —
נאָוועמבער עלף ניינצן אַכצן.

מילכאָמע־טעג

נאָוועמבער עלף ניינצנאַכצן

דער לאַגער, אַף באַפּעל, איז אויסגעשטעלט אין רייען,
די מיילער פאַרשטומט — נאָר אויגן שרייען מיט האַס —
אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער קליינקייט
זשיפּעט קעפּטן רייז מיט צאָרנדיקן האַס.

ס׳האָבן זיך סאָלדאַטן געקלאָגט:
שוין מיד פון שטיין אַף דער וואַך,
פון שלאָפן שטייענדיק אין כאָמעט איינגעשפּאַנט.
האָט דער קליינינקער קעפּטן רייז
געוואָלט אַפּווישן פון זיין קאָמאַנדע די שאַנד.

ס׳איז פיר אַזייגער נאָכמיטיק געווען —
פון ערגעץ איז אַרויס אַ רייטער,
דורכגעשניטן דעם נאָכמיטיק
און אים צעעפנט ווי אַ טויער.
מיט דער האַנט אין סאַלוט,
געבויגן איבער דעם קאַפּיטאַן,
האָבן זיינע ליפּן זיך צונויפגערעדט
מיט אַן אָנגעשטרענגטן אויער.

דער קאַפּיטאַן — אַזאַ בעסטאַרד —
האָט זיך אפילו ניט געטאָן אַ קרום.
דער רייטער איז פאַרשוואונדן
און ער איז געבליבן שטום.

נאָר מיטאַמאָל האָט ער אַ שניט געטאָן די שטילקייט
ווי מיט אַ שאַרפער דינער בייטש:
— עס פאַרדריסט מיך זייער און זייער
וואָס אָפּגעשטעלט האָט זיך די מילכאָמע מיטן דייטש.

נאָך ניט גענוג האָט איר זיך אָנגעליטן —
— איר ווייסט ניט פון סאָלדאַטסקע לעבן שווערן —

— אַט פונקט דעמאָלט
האָט מען קיין ביקסן ניט געהאַלטן
אין די הענט —
פאַרדאַמט זאָל עס ווערן!

פרענק איז געשטאַנען באַנאַכט
אַף דער וואַך.
די נאַכט האָט געכליאָפּעט מיט רעגן,
ווי אַ שיקער מיט גרינער גאַל
און געשוווענקט דאָס וויסטע לייב און לעבן.
און פון אָפּיצערן־ביידל
האָבן זיך געהערט די שיקערע געשרייען,
דאָס יואוולען פון פרידן.

אין שפּעטער, בורנדיקער נאַכט
איז קעפּטן רייז פאַרביי פרענקס פּאָסטן —
ס׳האָט אים דער אַלקאָהאָל געוואָרפן אין ווינטיקע אָרעמס
און פרענק האָט מיט ביקס זיך פאַרמאָסטן.

ער האָט שטייף פאַרקלעמט די ביקס אין הענט
און איינגעקלעמט די ליפּן —
אַ בלאַנקען באַיאָנעט, ווי אַ צייג־פינגער,
אָנגעשטעלט אויף קעפּטנס ריפּן:
— האַלד, הו גאָעס דהער?
— קעפּטן רייז. דו ווייסט ניט ווער?

אַ סעקונדע — אַ לעבן.
אַ ביקס און אַ ציל.
אַ פינצטערע נאַכט
און מידבערדיק שטיל.

בליצן אין מויעד
און שרעק אין די אויגן.
איינער שטייט פעסט —
דער צווייטער — געבויגן.

— „דערקענסט שוין ?״ — „יעס סיר, קענסט גיין״
עס שמייכלט באַם קעפּטן דאָס פּאָנעם, דאָס ברוינע.
פרענק האָט פאַרקלאַמערט די ביקס און די ציין :
— פאַרדאַמטע הינט אַזוינע.

מוישע שיפריס

אַפֿן יאַם האָט געבורעט אַ שטורעם

די שיף האָט געשניטן דעם נאַכטיקן יאַם,
דער יאַם האָט אַ בייזער געשטורעמט.
אַ פּיין האָט געשניטן באַ פרענקן אין האַרץ
געבורעט אין אים האָט אַ שטורעם.
ס׳האָט יאַם זיך געטורעמט,
געהויקערט,
געטאָלט —
און פרענק איז געזעסן
פאַרזונקען אין זיך
ווי דער יאַם אין זיין טיף.
דער קוימען פון שיף האָט זיין פּלייצע געוואָרעמט
דער ווינט האָט ס׳פּאָנעם צעד־יצטע געקילט —
די ליפּן האָבן געצוימט דעם שטורעם אין אים
ווי ס׳צוימען די ברעגן דעם יאַם.
און פרענק האָט געוואָלט זיין דער קוימען
פון אַלע שיפן,
פון אַלע יאַמען
און רעווען און רופן:
— מערדער פאַרדאַמט זאָלט איר ווערן!
און פרענק האָט געוואָלט זיין דאָס מויל
פון אַ בערטא קאַנאָן
און שפּייען מיט פליסיקן פייער
אַף מאָרדעס געגוידערטע ווייכע,
אַף ליפּן וואָס קלאַפּן ווי טאַצן —
אַף בייכער געפּולטע — צום פּלאַצן.

אַ גאָלדענער רעגן

אין לאַנד האָט געגאָסן אַ גאָלדענער רעגן.
די ערד האָט געזאָפּטיקט,
געכלינעט מיט בלוט.
און מאַראַגאַנס און ראָקעפעלערס
און פרענקס באַלעבאָס, מיסטער סמיט,
האָבן געזאַמלט דעם פּראָספּעריטי־שניט.
באַם באַלעבאָס אין פאַבריק,
האָבן זיך צעשפּרייט די ווענט
און פרענקן האָט ער שוין גאָר ניט דערקענט.
ער איז אים פאַרבייגעלאָפן
ווי אַ שטיק שראַפּנעל
— „אָ, יעס".
און אַוועק מיט דער הינטישער פּעל.
און פרענק איז געבליבן
פאַרשעמט און פאַרצאַרט
מיט בליקן —
צוועקעס רויט צעגליטע —
איינגענאַגלט אין דער שוועל.

ווי אַן עכאָ פון אַ כאַלעם
האָט ער געוואָנדערט איבער ניו יאָרקישע גאַסן
און אַלע ווייל האָט ער געכאַפּט זיך אָנצובויגן
ווי אויסצומיידן אַ קויל, וואָס איז פאַרבייגעפלויגן.
מיט אויגן צעצונדענע, ווייטע,
האָט ער געקוקט אַף די קרעמער אַף די שוועלן,
אַף די כעניפעדיקע שמייכלען, צום געפעלן —
אַף זיינע אויערן האָט געבאַראַבאַנט
דער הו־האַ געטומל
און פעדלער־געשריי.
דער האַנדל־וואַנדל־האַגל
ווי שרויט־געפויק אין שלאַכט,
אין ווירבלדיקן געדריי.

אין געשרעק־געצאפל
פון טרובע־גרילץ,
פון רייכע לימאַזינען
אױף אַספּאַלטענע בריקן —
האָבן זיך פינגער געהויבן
פאַרייניקט, געפעסטיקט
פאַרקרעמפּט און געפויסטיקט
ווי אימיצן צו שטיקן.

נאָר אַרבעטער־הענט קענען לאַנג ניט פּוסטעווען
זיי הענגען פרעמד אַרונטער פון די אַקסלען.
זיי הייבן זיך אָן צו וויגן
צום טאַקט פון אַ בייזן ניגן.

ס'איז מאַרגאַנס דעמאָקראַטיע
פון די דייטשן שוין געראַטעוועט...
און גוט איז דאָס אייגענע לעבן
אין אַרמיי ניט פאַרגראַטעוועט —

ס'האָט פאַבריק פרענקן פאַרשלונגען
און האָמער אױף בלעך
האָט זיך פריילעך צעזונגען.

אַ גאַנצן טאָג — שאָפּ.
אָוונט — היים, פאַמילע און רו.
זונטיק — צווישן פריינט
צו פאַרוויילונג וואו.
באַשיכט, באַקליידט, באַהויזט.
פּראָספּעריטי —אין פולן גאַלאָפּ —
אין קעשענע האָבן זיך געדרייט
עטלעכע לויזע דאָלאַר
און מענטשעלעך אַזעלכע
גלאַטינקע
זאַטינקע

בלאָטינקע
פּוכיקע

האָבן געדרייט מיט לויזע צינגער,
זשאָנגלירט מיט ציפערן
און געטייטלט אַף מאַפּעס מיט אויסגעכאָליעטע פינגער:

— „אַ מענטש דאַרף האָבן אַן אייגענעם היים.
און אייגן ווינקל".

„אַ הון אין יעדן טאָפּ,
און אויטאָמאָביל אין יעדן גאַראַדזש",
האָט הואווער געזאָגט.

— יאָ, יאָ, אַ הויז מיט אַ גאַראַ̄דזש
און אויסצאָ̄לן וועט מען מיט דירע־געלט
(דעם שיילאָקישן פּראָצענט האָבן זיי פאַרשלונגען
ווי ס'פאַרשלינגט די נאַכט דעם טאָג.)
ס'לוינט זיך. ס'איז זיכער.
מ'וועט דאָך אַ גאַנצע וועלט ניט נאַרן,
ווי האָט לינקאָלן געזאָגט...
אָט, נאָר איינצאָ̄לן אַ קליינע סומע —
אָט, אַשטייגער, וויפל האָט איר אָפּגעשפּאָרט?
ס'אַ זיכערע קאָרט" —

אַ̄ז יעדע ווערשקע לאַנד
האָט מען געוואויגן מיט גאָלד —

אין מאַנהעטן האָבן זיך געיאָגט די הימל־קראַצער
אין אַ פאַרמעסט צום שטערן מאַרס.
שטאָלענע סקעלעטן האָבן צעפּענצטערט די גאַסן
און פייערדיקע ניטן זיינען געפלויגן
פון צוואַנגען אין עמערס
און רויט־געפינטלט דעם טאָג
ווי פליענדיקע קאָמעטן — די נאַכט.

אין די פֿאַרשטעטלעך זייַנען געוואַקסן גאַסן
ווי די נעכט וואַלטן זיי געמאַפּלט.
די הייזלעך אַף לאַנג־איילענדער פּלאַכן
פֿאַר די, פֿון זיין גלייכן
האָבן אויסגעזען אַזוי אָרים און עלנט
אַז ס'האָט געריסן דאָס האַרץ, זיי צו לאָזן אַליין אין דרויסן
און ס'האָט זיך געוואַלט זיי אַרייַנבעמען אין שטוב אַריין
איידער די באַן לויפֿט פֿאַרביי
און צעציטערט די גאַסן.
אָ, אָ, ס'איז געווען די עמעסע צייט!
— לאַנד און גאָלד.
אַ בערגעלע ערד — אַ בערגעלע גאָלד.
מ'האָט צוגערויבט די זומפּן פֿון די קאַמאַרן
און פֿאַרקויפֿט לאַנד.
מ'האָט שטיקער יאַם, באַדעקט מיט ערד־שיכטן
און פֿאַרקויפֿט לאַנד.
מ'האָט אָפּירגעשלעפּט די ערד פֿון לאַנג־איילענדער קאַרטאָפֿליעס
און פֿאַרקויפֿט לאַנד.
מ'האָט אַרויסגעצויגן די ערד פֿון אונטער דער נאָז פֿונעם אַקער
און פֿאַרקויפֿט לאַנד.
וויסנשאַפֿטלייט האָבן מיט ספּעציעלע אַפּאַראַטן
געפֿאַרשט די פֿאַרכאַלעמטע לעוואָנע
און מיט בליקן גייציקע אויסגעטאַפּט יעדן טייל
צי מען קען ניט דאָרט אַמאָל
מיט שיכטן דינע ערד פֿאַרפּילן די בלויזן
און פֿאַרקויפֿן לאַנד.

פּראָספּעריטי דהאָפּ־האָפּ
איןווילדן גאַלאָפּ.

מיילער געדונגענע האָבן געמאָלן
ווי פֿליגלען פֿון פּוסטע מילן.
צינגער האָבן געקאָזשעלקט אין מיילער.
שרייבער גוט־באַצאַלטע

מילכאָמע־טעג

האָבן פון טינטיקע בוכשטאַבן
אויפגעשטעלט גאַניידנס פול מיט גליקן.
דאָס גאַנצע קאַפּיטאַליסטיש געזינדל
האָט מיט געשריי־געשווינדל
זיך געזאָרגט פאַרן וואויל־זיין פונעם בירגער:

— „אַ מענטש, אַ זאַך זאָל זיך ניט מאַכן, ווערט קראַנק —
און פאַרוואָס ניט אַ געשעפט? — איז לייג אין באַנק".

— „אַ הויז מיט אַ גאָרטן, ניט ווייט פון יאַם,
אַ, היים, זיסע היים".

— „ראָקעפעלער איז רייך געוואָרן פון אויל־קוואַלן —
אונדזערע אַקציעס וועלן קיינמאָל ניט פאַלן".

— „מאָרגאַן איז געקומען צו זיין איצטיקן שטאַנד
ווייל ער האָט מיט יאָרן צוריק געקויפט אַ שטיקל לאַנד".

— „אַ היים, אַ פּיאַנע און אַ פאָרד־אויטאָמאָביל —
איז דאָס אַמעריקאַנישע, פּאַטריאָטישע געפיל".

פאַרטומלט פון די גאָלדענע געוואַלדן
איז פרענק פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַלע יאַלדן.

מוישע שיפריס

קריזיס

ווי אין טייך — דער קעסל־גרוב
צירקלט און ציט דעם גאַנצן אַרום
צו זיך איןווירבלדיקן טיף,
אַזוי האָט וואָל סטריט
געצירקלט דעם אַרום פון לאַנד
און אַריינגענאַרט דעם גאָלדענעם רעגן —
וואָל סטריט האָט געדזשעזשעוועט.
וואָל סטריט האָט צעשימעט אַ הורן־טאַנץ —
און צעווירבלט אַ ווינט פון טינטיקע ציפערן —
פּראָספּעריטי איז געלאָפן אין פולן גאַלאָפּ
ביז 1929
און — סטאָפּ.
ס'האָבן זיך רעדער פאַרהאַקט

און ניט פון אָרט.

ס'האָבן אַ שטשיר געטאָן די שטעכיקע ציינער
פון קריזיס —
ווי ס'שניידט אין מילכאָמע
די לעבנס — די שווערד,
אַזוי האָט דער באָס, מיסטער קליין,
געשניטן יעדן טאָג דאָס אָרעם שטיק ברויט.
יעדן טאָג האָט אַ רייפטל פון ברויט
פרענקן געפעלט,
ביז ער האָט דעם לעצטן ביסן
פון אים אַרויסגעריסן.
ס'האָט קריזיס אַף הונגער
געלאָזט זיך איבערן גאָלדענעם לאַנד.
פאַבריק־קוימענס האָבן אויסגעשפּיגן
דאָס לעצטע ביסל רויך
ווי אַ פּאַסקודסטווע ביטערניש
נאָך אַ נאַכט פון שיקרעס.

מילכאָמע־טעג

אויוונס זיינען געבליבן שטיין
מיט אָפענע, הונגעריקע מיילער.
פאַבריק־טויערן האָבן זיך פאַרהאַקט
און די פוסטקייט פון פאַבריקן
ד'האָט געשריען מיט שלעסער אַף מיילער.

די טיקערס פון וואָל סטריט בירזשע
האָבן געטיק־טיקט
מיט קליק פון סקעלעטן־טאַנץ
און אַרויסגעשטעקט סטענגע־צינגער
מיט ציפער־געלעכטער
פון פוסטע פעסער.
וואָל סטריט האָט געקראַכט —
און באַלד האָבן זיך בענק פאַרמאַכט.

גאַס־איין, גאַס־אויס,
האָבן אַף קראָמען אויפגעשטשירט שילדן
און ס'האָט זיך געדאַכט
אַז דאָס גאַנצע קרעמערשע געזינדל
האָט זיך פאַרקייכט:
„מיר גייען אַרויס פון ביזנעס!"

גאַסן און סקווערן זיינען פול געוואָרן
מיט ליידיקע הענט און בייזע בליקן.
אויסגעכאַליעטע דאַמעלעך, פאָליציי און געגנסטער
פון קאָמפּאַני שניט,
האָבן פרום גענומען טיילן צדאָקע;
ברודיקע קאַווע, פאַרשימלטע זעמל
פאַרפעצט מיט דראָשעס,
גלאַטינקע ווי בוימל.

עס האָבן אויפגעשפּראָצט נייע שטעטלעך
אַף דער אַמעריקאַנער מאַפּע,
נייע שטעטלעך, נייע נעמען:

הואווערוויל און קריזיסוויל.
שטעטלעך פון הונגער, שטעטלעך פון נויט,
און נייע נעמען פון נייע לידער:
— „מיר ווילן אַרבעט אָדער ברויט".
און אַזאַ געזאַנג מיט געפּויסטיקטע הענט:
— נאָ וואָירק — נאָ רענט!"

ס'האָבן סטאָליערס און שלאָסערס,
פאַרבערס און מיינערס,
שמידן און בויער,
שוסטער און פויער,
ווי קראָטן זיך פאַרגראָבן
אין אונטערערדישע לעכער,
טיף זיך פאַרגראָבן אין מייזישע נאָרעס
אַף שטאָטישע מיסט־פּלעצער —
אַף ברעגן פון האָדסאָן —
אַנטקעגן און לעבן דעם ריווערסייד דרייוו,
וואו ס'פּוסטעווען לאַנגע כאַדאָשים אין יאָר
פּאַלאַצן פון אַלערליי סטילן.
וואו ס'דרייט זיך די פּוסטקייט
צווישן דרייסיק כאַדאָרים
מיט טייערע דיוואַנען פוכקע און וואַרעם,
מיט קאָסטבאַרע טעפּיכער פון אַלערליי קאָלירן,
מיט בעטן מיט זיידענע כופּעס,
מיט מעבל געשניצטע פון האַנט פון אַ מייסטער,
מיט ווייסע, בערישע פעלן צעלייגטע אַף דילן
מיט גלאָזוואַרג געזילבערט, געפיילטן קרישטאָל,
מיט איוואָרי צאַצקעס, דרעזדענער וואַזעס
און טוצנס געגילדעט געשיר,
מיט שאַפעס באַלאָדן מיט טייערע קליידער,
מיט קעלטערס פאַרפּולטע מיט זעלטענע פּרוכטן,
געקילטע פון געקינצלטער לופט,
מיט קעלערס געפּאַקטע מיט ווינען און שנאַפּסן
וואָס ציילן שוין צענדליקער יאָרן.

מילכאָמע־טעג

וואו איינמאָל אין יאָר אַף עטלעכע וואָכן
באַוויַזט זיך אַ הער, אַז דאַמע, אַ הינטל,
מיט צוויי צענדליק לאַקייען, דינער און דינסטן
גרייטע צו דינען —
מיטן אויג נאָר אַ פינטל.
די דאַמע ציט פויל זיך אַף ווייכן דיוואַן
און צערטלט דאָס כינעזישע הינטל.
אַ רייעך פון בלומען קומט אָן פונעם גאָרטן
פון האָדסאַן — אַ קילינקער ווינטל.
זי דהויבט אויף אַ האַנט מיט ראָזעווע פינגער
און וויל אינעם מויל דערשטיקן אַ געגעץ —
דער הער זיצט אַ שווערער נאָך געזעטיקטן מאָלצייט
און דערשטיקט מיט די ליפּן אַ גרעבץ.
דאָס הינטל באַלעקט זיך און זשמורעט די אויגן
און אַלע צוזאַמען אין פולער האַרמאָניע
פאַרגייען זיך ברייט אין אַ געגעץ —
עס לאָזט זיך דער געגעץ אַף רוקן פון לאַנגוויַיל
אין פולן גאַלאָפּ איבער דרייסיק כאַדאָרים,
אין פאַלאַץ אַף ריווערסייד דרייוו.

אין לאַנד איז געוואָקסן דער הונגער.
ליציטאַטן, באַנקראָטן,
עוויקשאָנס און זעלבסט־מאָרד.
ס'האָבן זיך ציפערס געהויבן —
פינף מיליאַן, זיבן מיליאָן,
צוועלף און פופצן און זיבעצן.
ס'איז הונגער געוואָרן דער הערשער פון לאַנד
פון לאַנד מיט די גאָלדענע גליקן.
עס זיינען געקומען די מענטשעלעך, די גלאַטינקע
מיט צינגער וואָס קלאַפּן ווי ליידיקע מילן.
נאָר איצט האָט מען געמאָסטן, געוואויגן די ווערטער —
די צינגער נאָך שווערער פון בליי:
— „אַוואַדע פאַרדריסט אונדז, מיר קענען ניט העלפן,
דאָס מעבל איז אונדזערס, די פיאַנע, די ראַדיאָ,

דאָס הויז —
איז קענסטו ניט צאָלן — איז לײדיק עס אויס״.

אַוועק און געלאָזט אים אַ פֿינצטערן בליק
וואָס האָט פֿרענקן געוואָרגן
ווי דעם טאַליענס אַ שטריק.
יאָרן פֿון פֿראַצע, יאָרן פֿון מי —
און מער ניט געבליבן ווי די לײדיקע הענט.

און פֿרענק און זײַן גלײַכן
מײַסטער פֿון אַלערלײ פֿאַכן,
מיט אויגן צעעפֿנט
און פּענימער פֿאַרנעפּלטע פֿון צאָרן —
האָבן ווי הימלאָזע, קרעציקע קעץ,
זיך געריעט אין אָפּפֿאַל פֿון ניו יאָרקער מערק —
מיט הענט זיך גערויעט, ווי מיט קעצישע לאַפּעס
און בליקן ווי שטאָלענע הוקנס
פֿאַראַנקערט אַף שעפֿע פֿון ניו יאָרקער האָפֿנס —

די האָבן פֿרענקס אויגן געזען און געגאַפֿט:
געלאָדענע שיפֿן,
באַרזשן, וואַגאָנעס,
לאַסט־אויטאָס און טאַטשקעס,
געפּאַקטע, פֿאַרכלינעט
מיט קאַקאַ און קאַווע,
מיט מעל און מיט צוקער,
מיט מילך און מיט פּוטער,
מיט גרינסן און פּרוכטן.
פֿון צעעפֿנטע טויערן,
פֿון „יונידע״ בעקערײַ,
וואו אַרבעטער פֿראַצעווען
אונטער אײַזערנע גראַטעס,
אונטער פּאָליצײַיִשער וואַך,
ווי אַרעסטאַנטן אין טורמע,

מילכאָמע־טעג

האָבן רייען וואַגאָנען געפּאַקט מיט ביסקוויטן
מיט רייעך פון באַטאַמטע געווירצן
געלאָזן זיך שטאָלצע אַף שטאָלענע רעלסן
געאײַלט זיך אַף „עפּטערנון טי״
באַקושן,
באַזיסן,
די אידעלע ליפּן פון אידעלע דאַמען —
— פאַרדאַמט זאָל עס ווערן.

פרענק האָט געזען די געלאָדענע
זייטן פלייש און פריידיקס
פון „סוויפט און אַרמאַר״
זיך גליטשן אַף פאַרפעצטע האָטשיקעס
אין מויל פון די ריזיקע קעלטערס.
די טויזנטער שטייגן מיט הינער און אינדיקעס,
די קאַסטנס מיט אייער,
די זעק מיט קאַרטאָפליעס,
די זאַפטיקע פּאָמידאָרן,
די „זון־געקושטע״ מאַראַנצען
און האָט געשלונגען פאַרפוילעכץ פון עפּל,
פאַרשימלטע פליישן און זאַמדיקע בלעטער פון לעטוס.

ס׳איז הונגער געוואָרן דער הערשער פון לאַנד,
פון לאַנד מיט די גאָלדענע גליקן.

היימען אָן באַלייכטונג,
היימען אָן ברויט.
ס׳האָט אין אַרבעטער־היימען
באַזעצט זיך די נויט.
אַרבעטער־קינדער פון הונגער געענערט,
פון קראַנקהייט געצערט,
האָבן יונג זיך געזעגנט מיט „ליכטיקער״ וועלט
געפּאַלן פון ריקעט, פּעלאַגרע און שווינדזוכט.
הענטלעך ווי שפּענער
האָבן זיך געצויגן נאָך ברויט

און טרוקענע ליפּלעך האָבן געזויגן
די אייגענע פינגער —
און טויזנטער קאָנען מילך האָט מען אין וואַסער געגאָסן.
און וואַגאָנען מיט קאַווע,
מעל און אוגערקעס,
עפּל און קאַוועגעס,
פּאָמידאָרן און מאַראַנצן
האָט מען אין וואַסער געוואָרפן.
און מענטשן זיינען געפאַלן פון הונגער.

אין ניו יאָרקער האַפן
האָט מען פרענקן אויסגעטאַפּט די מוסקלען
ווי מען טאַפּט אויס אַ פערד
און אים איבערגעלאָזט ווי אַ הינקנדיקע שקאַפּע —
אין באָסטאָן האָט פרענק געטראָגן אַ שילד:
„איך וועל זיך פאַרקויפן פאַר אַ שלאָף
פאַר שפּייז און אַ דאַך" —
נאָר קיינער האָט אים ניט באַדאַרפט.

אין האַרצן האָט געזאָטן
אין האַרץ האָט געברענט:
— „וואו טוט מען אַהין
די צוויי ליידיקע הענט?"
אַף ראָגן, אַף סקווערן
האָבן זיך יונגען באַוויזן
מיט אָפענעם האַרץ
און מיט אָפענעם וואָרט:

— „מיר ווילן אַרבעט און ברויט!
די רעגירונג דאַרף אונדז פאַרזיכערן
פון הונגער־טויט".

ס'האָט קריזיס פאַראַנקערט די הענט
און געזשאַווערט האָט האַמער און זעג.

מילכאָמע־טעג

און מאַרשירט האָבן יאָרן צעפלאַקערט
מיט פולווער־געלאָדענע טעג.

ס׳האָבן סקווערן זיך געהוידעט
אונטער לאַסט פון קרעפּטיקע טריט,
און פויסטן און רופן ווי קלעפּ פון אַ האַמער
האָבן גאַסן און ראָגן צעגליט.

ווי פלאַמיקע געשיכטע־בלעטער, האָבן זיך געמישט
הייס־צעפלאַמטע דעמאָנסטראַציעס,
און צייט האָט פאַרזייט די שטאָט
מיט רויט־צעגליטע פּראָקלאַמאַציעס.

איבער ברויזיק צעכוואַליעטן יאַם
האָט זיך געהויבן דער ליכט־טורעם —
די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.
אין שלאַכטן אַף ראָגן און סקווערן
אין פלאָנטער פון פּאָליצייאישן דזשאַנגל —
קאָמוניסטן די ערשטע אין ריי.

קאָמוניסטישע רופן — רויטע פאָנען צעפלאַקערט —
אין אַטאַקע קעגן הערשער און האַר.
און פרעסע געסלינעט
מיט געלקייט פאַרכלינעט
האָט געצאָרנט
געוואָרנט:
— ווי גאָט איז אייך ליב און פאָטערלאַנד טייער
היט זיך פון רויטער געפאַר!

דער באָנוס-מאַרש

מיטאָמאָל —
אַ קאָל.
— וועטעראַנען אָף וואַשינגטאָן.
די איינציקע האָפענונג,
דער איינציקער שטראַל —
דער באָנוס.
ס'וועט לאַנד איצט אָפּצאָלן דעם כויוו
שוין לאַנג פאַרשפּראָכענעם —
אירע העלדישע זין.
ס'האָט פרענק פאַר פאָטערלאַנד געקעמפט
און איצט וועט פאָטערלאַנד
אים צוריקגעבן
זיין היים, זיין ווייב, זיין קינד,
אַ דאַך און ברויט און קלייד.

פון אַלע שטעט און שטעטלעך,
פון אַלע אַכט און פערציק שטאַטן
האָבן זיך געלאָזט קיין וואַשינגטאָן
פאַרהונגערטע, געוועזענע סאָלדאַטן.

ווייסע און נעגער,
אַמעריקאַנער און פרעמד־געבוירענע,
אַלע וואָס האָבן אַנטקעגנגעטראָגן
דאָס לעבן אַנקל סעמען
אין יאָר ניינצן זיבעצן.

וואָכן־לאַנג האָט מען זיך געשלעפּט
איבער שטעט, איבער וועגן,
ווי קלעצער צעלייגט זיך אָף רעלסן
און ניט געלאָזט די לאָקאָמאָטיוון
זיי פאַרפירן אָף זייטיקע וועגן.

מילכאָמע־טעג

אָף יענער זייט יאַם אין ניינצן זיבעצן
האָט דער סוינע געצוימט דעם וועג
מיט שראַפּנעלן און שטעכיקע דראָטן
און דאָ אין דעם אייגענעם לאַנד
האָבן די פּאָר וועלכע זיי האָבן געקעמפט
געצאָמט דעם וועג מיט בולס און שפּיקעס
מיט שטעכיקע בליקן —
נאָר זיי האָבן דעם וועג
סיווי געשניטן —
געקעמפט ווי מען האָט זיי געלערנט —

ס׳האָט וואַשינגטאָן זיי אויפגענומען
ווי ס׳נעמט אויף אַ קאַרגער באַלכויוו —
געשמייכלט, געזשמורעט די אויגן
און גאָרנישט ניט געזאָגט
און גאָרנישט ניט געגעבן —

ס׳האָבן די פירער פון לאַנד
אָף טרעף פון קעפּיטל —
מיט זיי זיך געפּאָרטרעטלט,
געשמייכלט פאַר די קינאָ־אַפּאַראַטן
און גוטברידעריש זיי גערופן:
„אונדזערע באָיעס".
און הינטן אַרום גערוקט זיי
אַ מעסער אין רוקן —
— פאַרדאַמט זאָלן זיי ווערן — די הינטישע זין,
זיי האָבן געמיינט,
מ׳עט קומען, מ׳עט בעטן,
זיי וועלן, ווי שטענדיק, פאַררעדן די ציין
און זיי וועלן גיין —
נאָר וועטעראַנען זיינען פאַראַקשנט געבליבן —
זיי האָבן געציטערט, מען זאָל ניט
פאַרלייזיקן די שטאָט —
האָט מען וועטעראַנען אין זומפּן פאַרטריבן.

געגעבן פאַר אַ בעט — די זומפּיקע ערד,
פאַר אַ קאַלדרע — דעם פאַרכמורעטן הימל,
נאָר זיי האָבן פאַרמאַטערטע, ווי העלדישע סאָלדאַטן,
געוואַכט ווי די הינט אינעם דרימל.
פאַר די נייע באַטאַליאָנען
האָט מען אָפּגעשניטן די בריקן
און אַנאַקאַסטיער זומפּ
האָט מען פאַרפּלאָנצט
מיט שפּיקעס און מיט שפּיאָנען —
— אָ, קעמפּ אַנאַקאַסטיע,
די וועטעראַנען וועלן דיך נאָך דערמאָנען!

נאָר סיוּוי זיינען זיי פון וואַשינגטאָן ניט אַוועק.
זיי האָבן אויפגעשטעלט
אַ הואָווערוויל
פאַרן פּרעזידענט אַ שטאַלץ —
פון ברעטלעך און פון בלעכן,
פון אויטאָמאָביל־טירלעך
און פון פּליטעס פון פאַרזשאַווערטע אויוונס,
פון צעראַטעס און פון קעסטלעך,
פון גאָרניט און פון עפּעס
האָט מען אויפגעשטעלט הייזלעך,
האָט מען אויפגעשטעלט אַ שטעטל —
און פאַרצויגן הויך די פאָן
פון שטערן און שטרייפן —
צום שטוינען און צום גאַפן —
אינמיטן פון דער הויפּט־שטאָט,
אינמיטן פונעם גאָלדענעם לאַנד —
אַזאַ שאַנד
אַזאַ בראַנד.
און הואָווער האָט געגעבן אַ באַפעל:
— „אויסרויכערן די מייז!"
פריער גיפטיקע רייד, נאָכדעם טאַטן —
און גלייך באַגנעטן

און סאָלדאַטן.
מען האָט אָנגעשיקט אָף זיי
סאָלדאַטן פרישע, יונגע,
מיט בייטשיקן באַפעל
קעגן מענטשן־וואַנט געשטעלט.
און אָנגעלאָדן זיי מיט גאַז
און האַס —
קעגן זייער אייגענעם קלאַס.
אַ האָגל פון קוילן,
אַ נעפּל פון גאַז
קעגן ליידיקע הענט,
קעגן פלאַמיקן האַס.

ס׳ברענט פרענק אויס ווערטער גליאיקע:
— דאָרטן אין פלאַנדערס
האָב איך געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע —
כ׳האָב דאָן ניט געוואוסט דעם באַטייט.
נאָר דאָ אין וואַשינגטאָן
האָב איך געוואוסט —
און געקעמפט
פאַר ברויט און מילך און אַ קלייד,
פאַר היים, פאַר ווייב און קינד —
נאָר דאָ האָב איך ניט געהאַט מיין ביקס —
פאַרדאַמט זאָל עס ווערן.
זיי האָבן אונדז אויסגערויכערט
ווי די מייז.

און איצט —
שוין ווידער מילכאָמע.

אָנקל סעמס פינגער
שטעכט זיך שוין
ווי אַ פינגער־שפּיז פון נעפּל:
דו — דו לעבסט נאָך!

קינסטלער מאָלן שוין בילדער
און צירן מיט גלאָריע
דעם בראַון סאָלדאַט.
דיכטער מיט אויגן פֿאַרגלאָצטע
פלעכטן שוין ווידער
פון זיידענע ווערטער שטריק —
פאַר יונגע סאָלדאַטן
דאָס הימלישע גליק.
עס קלאַפּן שוין ווידער די סאַמיקע צינגער,
עס וויזט זיך שוין ווידער
דער שפּיזיקער פינגער: —
You!
לעבסט נאָך?!

עס וויסט שוין פרענק דעם באַטייט
פון מילכאָמע־פּינגער־טייט.
און ס׳וויסט איצט פרענק
אַז סוינע איז ניט
איבער צעמינעוועטע יאַמען ווייט.
אַט דאָ אין לאַנד
איז לויערנדיקער פיינט —
אין וואַשינגטאָן, אין שיקאַגע,
אין ניו יאָרק,
אין יעדער שטאָט און שטעטל.

מיט אויגן קלאָר און אָפן
ווי פעלדער געוואַשן פון מאָרגן־טוי
זעט ער דעם האַס פון זיין קלאַס
וואָס וועט פאַרלענדן דעם סוינע
ווי אַ סטויג פאַרטריקנט שטרוי.

ביז לעצטן אונטערדריקער,
ביז לעצטן האַר און באַלעבאַס,
ביז לעצטן עקספּלואַטאַטאָר,

מילכאָמע־טעג

וואָס רויבט אַוועק
די מילך, דאָס ברויט,
דאָס בעט און דעם דאַך
פון ווייב און קינד
פון דעם וואָס נערט זיך מיט זיין פּראַצע.

▼▼▼

אין צעליכטיקטן צענטער
פון „וואָירקערס עקס סוירוויסמענס ליג״
זיצט פרענק דער וועטעראַן
פון פיר־יאָריקן, בלוטיקן קריג.

ס׳איז לעבעדיק איצט אין צענטער
און ס׳שרייען פּלאַקאַטן צעהאַנגען אַף ווענט —
אַף זיין פּאָנעם אַן אויפּבלי — אַ ליכטיקער שמייכל
פון רייד וואָס קומען פון מיילער און הענט.

אַף בינע צעכראַסטעט שטייט דזשים מיט דער קוליע
און טיינעט און רופט אַף מאָרגן אין גאַס.
ער צאָרנט מיט פויסט און מיט רייד
און וויזט אַן די ווענדונג פון געזאַמלטן האַס.

מיט צעליכטיקטע אויגן שטייט פרענק באַ דער וואַנט
ער זעט איצט דעם מאָרגן אין שטורעם־צעוויג ;
ער הערט איצט דעם הילך פון שטאָלענע גאַרגלען :
מיר דערקלערן מילכאָמע דעם בלוטיקן קריג !

1933־4.

די ענגלישע ווערטער וואָס ווערן גענוצט אין בוך

איטס נאָט עי... גאָדעם דזשאָוק אָן דהי אָדער סייד — ס'איז דיר ניט קיין שפּילעכל אַף יענער זייט (יאָם).

אייז קרים — געפרוירנס.

אָוועראָלס — ארבעט־קליידער.

בעסטערד — מאַמזער.

בולי ביף — קאָנסערווירטע פליישׁ.

בעדרומס — שלאָפצימערן.

באָנק — „בלאָטע".

בולס — דעטעקטיווס, שפּיקעס.

גאָד עי פּעג באָדי? — האָסט א פּאַפּיראָס, ברודערל?

דיפּאָ — וואָקזאַל, האַפן.

דזשעק מעסער — סאָלדאַטסקע מעסער.

דאָבל טיים — מיט א טאָפּלטן טעמפּאָ.

דהעטס אָל — דאָס אַלץ.

דזשענעראַל סטאָר — א קליינשטעטלדיקע קראָם וואָס פארקויפט אַלץ.

דרעפט באָארד — רעקרוטיר־קאָמיסיע.

דעמיט — פאַרדאַמט זאָל עס ווערן.

העי אַמעריקאַן קאָן יו דאַנס? — העי אַמעריקאַנער קענסטו טאַנצן?

העי וואַטאַהעל — העי, וואָס צום טייוול.

האָלד, הו גאָיעס דהער? — בלייב שטיין, ווער גייט עס?

וואָירקערס עקס סוירוויסמענס ליג — ארבעטער ליגע פון געוועזענע סאָלדאַטן.

ווילעדזש — דאָרף.

what a life (וואַהט א לייף) — עך, ס'אַרא לעבן.

טייק קאָווער! — באַשיצט זיך!

טיקערס — מאַשינען, וואָס פארצייכענען דעם קורס פון די אַקציעס.

you (יו) — דו.

you're in the army now (יו אַר אין די אַרמי נאַו) — דו ביסט איצט א סאָלדאַט

יעס סיר — יאָ, מיין הער.

ליבערטי באָנדס — אַקציעס וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט
אַרויסגעלאָזט בעשאַס דער וועלט־מילכאָמע.
לאָרד — גאָט, האַר.
מאָרטגיידזש — היפּאָטעקע.
נאָ וואָירק, נאָ רענט — ניטאָ קיין אַרבעט — צאָלן מיר ניט קיין
דירע־געלט.
סאַלון — שענק.
סאַנאָוואַביטשעס — הינטישע זין.
סלעקער — די וואָס האָבן אויסגעמיטן צו גיין אין מילכאָמע.
סווינט און אַרמאָר — נעמען פון באַרימטע אַמעריקאַנער פלייש־
טראָסטן.
עפטערנון טי — נאָכמיטיקדיקער איבערבייס.
פּוטיס — ווינגלשנורן וואָס סאָלדאַטן טראָגן אַף די פיס.
פּראָספּעריטי — צייט פון עקאָנאָמישן אויפבלי.
פייער עסקייפּס — פייער־שוץ־לייטערס אַף הייזער.
קיד — באָכערל.
קעפּיטל — רעגירונג־הויז אין וואַשינגטאָן.
רעד — רויטער.
רעטריט — דער טרומפּייט־סיגנאַל צו גיין שלאָפן.

דאָס ענגלישע ליד אַף זייט 50:

אַ נעם מיך אַהיים
וואו עס פייפן ניט די קוילן
וואו עס ברומען ניט די קאַנאָנען —
אַ נעם מיך אַרויס פון די טראַנשייען.
פיר מיך אַהיים אַף יענער זייט יאָם,
וואו עס וועט מיך קיינמאָל דער דייטש ניט דעריאָגן.
אַ מוטער מיינע, לאָז מיך ניט שטאַרבן.
נעם מיך אַהיים.

ביכער פון מוישע שיפריס:

לידער, 1922;
ראַכאַמאַ און אַנדערע לידער, 1925;
ציגל (דערציילונגען), 1929

פאַר קינדער:

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, 1928;
פאַר וועמען האָט היימים טאַטע געשטימט? 1933;
לענין ווייזט דעם וועג, 1934;
די רעוואָלוציע וועט קומען, 1934

אין דרוק:

„לידערלאַנד",
אַרויסגעגעבן פון קאָאָפּעראַטיוו פאָלקס פאַרלאַג פון
אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.